STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11540

IN VOKHIKN LIKHT

Arie Shamri

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי / אין וואַכיקן ליכט

א ר י ה ש מ ר י

אין וואָכיקן ליכט

ספרית פועלים
הוצאת הקבוץ הארצי השומר הצעיר מרחביה
1953

A. SHAMRI

POEMS

Published by "Sifriat Poalim" — Workers
Book-Guild ("Hashomer Hatzair") Israel
Copyright by "Sifriat Poalim" 1953

All rights reserved

דפוס „ליגא", תל־אביב־יפו, רח' 360

א

*

ס׳איז פרילינג אין לאַנד, און דו ווייסט עס אוודאי,
נאָר וויסן איז ווייניק, שפּאַן איין אַלע חושים.
קום הערן ווי ס׳גלעקלען די ריטשקעס צום וואַדי,
קום שווייגן מיט סעדער ווען ווינטלעך זיך קושן.

ס׳איז פרילינג אין לאַנד, און דו ווילסט עס אַוודאי —
מיט אויפשיין פון יומטוב באַזיגן די עלטער, —
מיט גרעזל דאָס מינדסטע, מיט בלעטל אַ ליאַדע
פאַרקניפּ זיך אין שווייגן צו ליכטיקע וועלטן.

נישט וועק אויף דיין אומעט, נישט פרעג ווו זיי זענען —
אָט דאָ ווו דו ביסט, ווו עס בלאָנדזשעט דיין וויסן,
אין סאָד דעם צעבליטן, ווו קנאָספּן שוין ברענען
מיט תמימות פון קינדישע אויגן אין ניסן.

אין הויכן גראָז

פריליכט, סטרונע איבער ברונעם.
דער פֿאַסטעך שוויגט, פול דער לאָגל.
סטאַדעס גייען, סטאַדעס קומען,
חסד פלייצט אַרויס פון טאָגן.

שטילער, שטילער, סוד אויף לאַנען.
ברכה־ווינטל אויף אַ שווועמל.
די רינדער באַפליגלט שפאַנען
פון הויכן גראָז די פאשע נעמען.

אין הויכן גראָז שפילן גרילן,
ליד מיט טוי צוזאַמען רינען.
נעמען רינדער וואָס זיי ווילן,
פון אַרום און פון דערינען.

ווייכע גראָזן, צאַרטע טויען,
פון פעלד ביז הימל — איין געוועב.
גוט צו שווייגן און געטרויען
דאָס גראָז וואָס וואַקסט, די רינד וואָס לעבט.

דער פֿאַסטעך שוויגט פול מיט הערץ,
אין הויכן גראָז טיף באַהאַלטן.
איבער אים דער מאָרגנשטערן,
אונטער אים אַ פעליק מאַנטל.

גוט צו שוויגן און געטרויען,
ס'וועט פאַר אַלעמען געגוגן.
צו דעם ברונעם שפרייזן פרויען,
טוי פילט אָן אין וועג די קרוגן.

פול מיט זען זיך שליסן ברעמען —
בלינדערהייט — אַ לויב באַגינען:
נאָמען דו פון אַלע נעמען,
ווי גרינג דיך איצטער צו געפינען!

ברויט

צווישן בערגלעך האָצקעט זיך די קליינע בויד,
דער בעקעריונג צעפירט זיין ברויט,
אויף פעלדער וויגן זיך די זאַנגען.

ברויט! ברויט! —
זינגען אויך די פייגל אויפן פלויט,
און אין אַלע פענצטער קלינגט מען מיט אָרעמע מטבעות
ברויטיק־לויביקע געזאַנגען.

מען באַטאַפּט די ברייטלעך, יעדער איז אַ מבין,
אָרעם די מטבעות, אָבער דאָך גאַנץ צאָליק.
דער בעקעריונג צעבייזערט זיך ווי זויערער הייוון,
און ווערט באַלד נכנע, גידעריק און טאָליק.
אַ, דוקא דעמאָלט הייב איך אָן צו גלייבן,
דאָס ברויט ווערט הייליק,
דער בעקער — אַפּאָסטאָליק.

ברויט! ברויט! —
זינגען די פייגל אויפן פלויט,
דאָס גאַנצע דאָרף פרישטיקט מיט די קלאַנגען.

אויספּאַרקויפט ביז לעצטן לויט —
הוידעוועט אַוועק די בויד,
און אויף די פעלדער וויגן זיך די זאַנגען.

מיין נייער חבר

אַזוי פיל פריינט האָבן מיך פאַרלאָזט,
און אַפילו נישט געלאָזט עטלעכע רייד
מיט וואָס כ'האָב זיך פאַרזינדיקט.

דערפאַר האָט מיך היינט אַזוי דערפרייט
אַ נייער חבר, אַן אינדיק.

די זשמעניע קערנער אין מיין האַנט
האָט אים צום פלויטל צוגעצויגן.
כ'האָב דערזען אַ סך גוטסקייט און פאַרשטאַנד
אין זיינע אָונטיק צעגליטע אויגן.
ער שווייגט און קוקט מיך אָן,
מיט אויגן — גאָלד און מאָן,
און פּלוצעם — האָלדער האָל־דער,
אַ דאַנקגעזאַנג צום באַמאַנער און באַגאָלדער,
און די פריינטשאַפט הייבט זיך אָן.

די קערנער האָב איך גיך געטאָן אַ וואָרף
ווי גוטע ווערטער אין אַ גוטן סדר.
אַ גוטן אָוונט האָב איך געזאָגט צום גאַנצן דאָרף,
צוליבן אינדיק איז גוט געווען אַ יעדער.
ליכט איז אויפגעגאַנגען אין די פענצטער,
און אַ קלאָרע לבנה האָט געקושט די סעדער.

פאַרנאַכט

אַ לעצט פורל אויפן וועג
באַלאָדן מיט היי פאַר רינד,
אַרבוז פאַר קינד,
און אַ גרויסע זון פאַר אַלעמען.

דער פאָרער דרעמלט אין דעם היי,
מיט בטחון אַז די קאַשטאַנס צוויי
וועלן שוין דערפאָרן.
אַ טיפע בלאָקייט איבערן פורל וויגט זיך
און ציילט מיט שטערן
אַזוי פיל טעג און יאָרן.

פון מיינע פענצטער, די געצונדענע,
קוק איך נאָך דעם פאָרער,
בין מקנא,
און מיין קנאה פאַרגייט אין תפילה:

— אָ, לייז מיך אויס פון אַלע פיבערן
און לערן מיך, זיין איינער
פון די יאָביקע און שטילע.

צו מיין דאָרף

א

פאַר איינזאַמקייט וועל איך קיין שכר נישט בעטן.
כ׳בין איינער פון איינזאַמע אַ סך
וואָס בראָדזשען דאָ אין ליים און קנעטן
פון באַגינען ביז ביינאַכט.

בעט דען עפּעס אַ פויגל ביי זיין טשאַטע
ווען זיינע פליגל פאַלן מיד?
ער זעצט זיך אויף א בוים
און איז דערוויל מהנה
מיט אַ ליד.

אויך דו, מיין טאָג,
פאַרקוקט מיד־מאַט אין זונפאַרגאַנג —
זיי גובר דיין פאַרגאַנג.
שפּאָר אָפּ פון דייך בייזקייט אַ ביסל האָניק
און זאָג אַלעמען אַ גוטן אָוונט
מיט געזאַנג.

ב

מיינע טעג, פֿאַרשטויביקט און געבויגן,
קומען נאָך מיט עזות —
אויסקושן דיך מיט חלומדיקע אויגן
ווי אַ פּילגער דעם אָאַזיס.

אָ, זיי ווילן נישט בייז זיין מיינע טעג,
שטויסן ווי אַ באָק דעם האָרן.
זיי ווייסן, זיי ווייסן אַז זיי גייען אַוועק,
און גוט מיטצונעמען אין וועג
אַ ביסל גוטע יאָרן.

די ערד האָט נאָך דופטן, און זאַפטן, און פֿאַרבן,
און נאָך כדאַי איז מיין מי און מיין לויב.
עס גלייבן מיינע טעג אַז נאָך פֿאַרן שטאַרבן
וועט דער ווינט מיט זיינע אַרבל
אָפּווישן זייער שטויב,
און טוי, זאַלביק קלאָר, וועט זיי באַזאַפטן
אין סאַמע לעצטער גליִ־מינוט.

עס ווילן מיינע טעג:
אין לעצטן פֿון פֿאַרנאַכטן
מיט הכנעה באַזאַכטער
זאָגן דאָס וואָרט פֿון ווערטער: ג ו ט.

ג

די פענצטער פון דאָרף שײַנען אויף
ווי אין אַלע פאַרנאַכטן,
נאָר ווער האָט געעפנט מײַן אויג
אַנדערש צו זען און אַנדערש צו דאַכטן
פון אָט די פּייערלעך קלײנע
אין דאָרפישע שטיבער?

נישט נאָר אין שטערן דאָס ליכט פון דער וועלט —
זאָגט מײַן האַרץ מיר אַצינד.
אָט די פּייערלעך קלײנע, בײַנאַכט אין פעלד —
טו תפילה פאַר זיי
ס׳זאָל נישט פאַרלעשן דער ווינט.

אַ פוירהאַנג פאַרהייבט זיך אין פענצטער,
און זיבן הימלען דערזע איך אין פשוטן בליק.
ווער איז ער? קאָן זײַן — דער קלענסטער,
אַליך איינס! איך בעט פאַר זײַן גליק.

כ׳שטריקט ווער אַ זאָק אין אַ ווינקל,
ס׳שרײַבט ווער גוטהאַרציק אַ בריוו.
דאָס ליכט פון די פענצטער מיר פינקלט
ווי פון אַ פאַרכישופטער טיף.

און גוט וואָס איך קאָן יעדן און ווייס,
און אויך יעדער קאָן מיך, אין גרויס און אין קליין.

האָט מיך דער טאָג פֿאַרברידערט אין שווייס
וועל איך אין ליד אויך נישט בלייבן אַליין.

די פֿענצטער פֿון דאָרף שײַנען אויף,
שוועב איך ווי אַ מאָט פֿון שויב צו שויב.
אָ, פֿייערלעך קליינע,
לעשט זיך נישט אויס, לאָזט מיך נישט בלינד! —
כ'טו תּפֿילה פֿאַר אייך
ס'זאָל נישט פֿאַרלעשן דער ווינט.

*

צי דען האָסטו פאַרלוירן וואָס
פון דיין ווערט און מאָס,
דאָ, אין מענטשנקנויל, ווו ביסט פאַרוועבט?
כ'האָב לאַנג געפרעגט, געוויגן זיך,
געאויגנט אין די אויגן זיך,
ביז כ'האָב פון אמת אָנגעשעפּט.

ווער בין איך דען, וואָס איז מיין וואָר?
איך בין דאָס קינד פון וואָגל־דור
וואָס אַש פון גאָט אויף זיין גומען ברענט.
אונדזער תּפילה:
— אָ, נאָענטע הימלען שפּרייט אונדז אויס,
און מיט אַ נייעם נאָמען גרויס
דעם דור וואָס האָסט אַליין פאַרפרעמדט,
דעם גלויבן וואָס דו האָסט פאַרלענדט.

זאָל ווערן מענטש מיט מענטש פאַרקרייזט
אין בונד פון פלייש און ביין און גייסט.
מיט נייע קראַפט און האַפט.

און דערפאַר אויף שטעגן דאָזיקע,
שטאָלץ־שטייניקע, מילד־גראָזיקע,
איינגעפלאַנצט האָב איך זיך פעסט,
און מיין אַ ל י י ן דעם איביקן
איינגעבראָדערט אין דער נעסט.

דער אַנטווישטער פּרעגט

א

מ׳שטיינס געזאָגט אַ ברידערשאַפט,
אַ שותּפות טעפּל־לעפּל.
ווו איז אַוועק די נגידהשאַפט
פון יונגן „הימל עפּן״?
ווו די עזות, דער יונגער קידער־ווידער
וואָס שפּרייזט אַריבער אַן עפּאָכע,
און לאָזט נאָך זיך די אַלטע איבער
אין אַלטן סדר פון פּוילע יאָכן?
און אַז מיר בייטן שוין תּחתּונים,
און מיר שלינגען פון די זעלבע זופּן —
זעמיר נישט געבליבן די זעלביקע פאַרשווינען
וואָס שטויסן זיך און שטופּן,
און איינעם ביי דעם צווייטן אָטעמען איז שווער?

איך האָב געמיינט, מיר זענען מאָרגנס הירשן,
און זע גאָר, זע — נישט מער ווי פּוילער בער.

ביי טאָג פון זון געבלינדט,
ביי נאַכט — מיד צו שפּילן מיט די שטערן.
איז דאָס דען מענטש — זיין קנעכט צו שאָף און רינד,
מעלקן אייטערס און ברודנע וואָלן שערן?

איז דען נישט דאָס די גרעסטע זינד —
פאַרקויפן דעם מאָרגן צום אַצינד,
בלייבן ווי מען איז און נישט אַנדערש ווערן ?

וואָס האָבן מיר געזאָגט, די דורות צוגעזאָגט ?
וואָס זענען מיר מקיים ?
— — — — — — — — — —

און ווי אַן אָרעמאַן האָט ער געבעטן מיט שטומער קלאָג
אַ פּרוטה גלויבן איך זאָל אים לייען.

ב

אזאַ מיין פרעגעניש האָט מיך באַשווערט
נאָך אַ טאָג אַ חאַמסיניקן, צעברעגטן.
כ'האָב זיך געטוליעט פריי צו דער קילנדיקער ערד
נאָר דער פרעגער האָט געוואָרפן אויף מיר פענטן,
און זיין וואָרט, מדבריש חאַמסיניק
האָט אויף מיר הייסן שטויב געבלאָזן.
— אָ, וועמען גלייבן, —
דעם וואָס רעדט צו מיר אַפּטריניק,
אָדער זיי, די שטילע שווייגנדיקע גראָזן?

מיינע אויגן האָב איך אויפגעהויבן צום שטעג־געדריי פון דאָרף, —
קיין עין הרע — אַ גאַנצע יידן־עדה!
טאַטע, קינד, און אויך אַן ערשטער זיידע...
וואָס זשע דאָ צו פרעגן און צו ברייען, —
מיר האָבן צוגעזאָגט,
מיר זענען עפּעס אויף מקיים.

און אין דער פרעגעניש פאַרקלאַמערט,
און איך דער צווייפלעניש געזונקען —
האָב איך געטראַכט וועגן אַ שמיד אַ בלינדן
וואָס פרעסט זיין האַמער
און זעט נישט דאָס ליכט פון זיינע פונקען — —
און דעם פענט האָב איך צעריסן,
דורכגעביסן מיין גאַנצן תוהודיקן שטייגער.

אויף ביימער האָב איך דערזען ניסן,
און איינס אויף מיין מידן זייגער.

כ׳וועל אָנהייבן אויף ס׳ניי,
אָנדערש עפענען די אויגן,
גיין צו מיינע דאָרפסלייט זיך געפינען.
ס׳האָבן מיך די סדום־שטעט מיט אַש באַשאָטן,
אַ דור אַ ווילדער האָט מיך חיהש אַנגעגעגלט,
נאָר אַלץ וועל איך צעבלאָזן מיט מיין אָטעם,
און גלייבן מער ווי פרעגן.

וואָס צו פרעגן, וואָס צו ברייען? —
גוט דאָס אַלטע וואָס קאָן אַ פיצעלע באַנייען,
גוט דאָס נייע וואָס קאָן יאָרהונדערטער פאַרבינדן.
— — — — — — — — — —
און כ׳האָב נאָך אַלץ געטראַכט
פון האַמער,
פון די פונקען
און פון שמיד דעם בלינדן.

שטערן האָבן גלייביק זיך אַנגעהויבן צינדן.

פון מיין לעגענדע

כ׳בין אַלט געוואָרן אין די אַלטע הייכן,
ביים שטערנבבער אין פראָסט פון עלנט, —
האָב איך אָנגעהויבן נידערן, טויכן,
דאָ, ווו טו״עך פינקלען און קוואַלן קוועלן.

וואָס טויגן מיר די פעלדזנקערק די האַרטע,
דער נעפּלשפּיץ פון טונקעלער מיסטעריע ?
די ערד פּאָכט צו מיר מיט אַ גרינעם פאַרטעך,
עס רופט מיך אונדזער מאַמעשי די בריה:
— קום צו מילב, צו בן־אדם,
זיי אייגן אין געזעמל.
דאָ וועט דיר היימיש זיין,
וועסט זיך פילן אַ בן בית.
אין יעדן פענצטער ווינקט אַ פלעמל,
און אַזאַ ריח פון די שייערס. — —

איז דען נישט בעסער אַ צעציטערט קנייטל
וואָס קושט דורך אַ לאָדנשפּאַלט די מרחקים ?
און צו וואָס לבנה ? — בעסער דאָך אַ ברייטל,
מען חלומט און מען קנעט ביז ס׳ווערט געבאַקן.

— האָט ברויט פֿאַרשמעקט, און באַרירט האָב איך די זאַנגען,
די צירונג פֿון אונדזער מאַמעשי, די בריה, —
האָט מיין טראָט דערהערט דער מייסטער פֿון קלאַנגען,
דער גרילנזינגער, מיין צייע פּעריפעריע.

און אַלץ וואָס אָטעמט — מיין אָטעם האָט דערפֿילט,
די ערד האָט צניעותדיק צעקנעפּלט בלומען.
און אַזוי פֿיל ריחות האָבן אויפֿגעשפּילט:
— גוט, דו עלנטער, וואָס ביסט געקומען!

באַגינען

באַגינען,
אין סאָד האָט אויפגעוואַכט די קלעמאַנטינע.
ס׳שיטן זיך די צוויטן
און טויען רינען.
מיין פנים, נאָך צעגליט פון נאַכט,
הייבט אָן אַקעגן איר צו פינקלען.
אַ לויב וואָס איך האָב דערוואַכט
און אַרויס פון ענגע ווינקלען.
כ׳פיל א צוייג אַרום מיין לענד
און די גלוסטעניש וואָס ברענט
אין געבלי פון ניסן.

יעדער פענט צעריסן,
כ׳בין פריי ווי דער באַגינען.
איך טונק מיין וויסן
אין די לויטערע גערינען
פון ביימערשע זאַפטן,
און כ׳בענטש די ווערטן און די האַפטן
פון געבלי.

באַגינען
אויך אין מיין האַרץ איז פרי.
כ׳וויל אַזוי פיל זען, אַזוי פיל הערן.
די קלעמאַנטינע שטרעקט אויס אַ צווייג
און ווישט אָפּ מיט אַ בלאַט
דעם נאַכט־גלי פון מיין שטערן.

דאָס בילד

דער וואָס פירט זיין קו אַרויס צום בלאָען ראַנד,
און לאָזט איר פריי פון צאָם און עול, —
ווייס אַליין נישט וואָס עס האָט געטאָן זיין האַנט,
סאַראַ וווּנדער ער האָט געמאָלט.

די קו איז פריי און גלעקלט דין
אַ שיר, אַ שבח צו דעם באַגין.
די לייוונט פלאַטערט אויפגעראָלט,
דאָס גלעקל גלינט פון טוי און גאָלד,
און פעלד און באַרג און טייך —
אַלע שפּיגלען גלייך
דאָס שיינע בלאָע גאָט־קו בילד.

און אַ שאָד וואָס דער דאַטשניק
זעט די פעטע אייטערס באָר,
די קליינע מילכוואַרגקלייט
מיט קעז און סמעטענע אויף שילד.

אַ שאָד זיין בלינדקייט צו דעם בילד.

אַ מעשה וועגן אַ פלעדערמויז

פון דער פלעדערמויז וואָס טראַכסטו?
אוודאי מיט איבל: —
עפּעס אַזאַ שרץ אויפן דאַך,
אַ טאָכטער פון דער נאַכט,
אַזש פון הרי חושך אָנגעפלויגן.
האָב זשע נישט פאַראיבל,
דערציילן וועל איך דיר אַ זאַך
וואָס כ׳האָב געזען מיט מיינע אויגן.

ס׳איז געווען אַ טאָג פון פראָסט און שניי,
אַזאַ טאָג אַ זעלטענער האָט דאָ אין לאַנד געטראָפן.
מיט אַ ווייסע וויוגע האָט אַריינגעשפרייזט דער צפון,
אַלע וועגן אַרומגענומען.
ביימער, גראָזן — אַלץ פאַרבלאָזן,
שוועלן, דעכער — אַלץ צעפּעכערט,
פייגל, טכוירן — אַלץ פאַרפרוירן.

ליגט מיין סאָד אויך איינגעבראָכן,
שטאָלצע קרוינען — איינגעבויגן.
מי פון מיינע טעג און וואָכן, —
ווי צו מיינע אויגן!
כ׳לאָזט דער פראָסט נישט טריפן טרערן,
אַ טויטע פרירונג ברענט אויף אַלעס,
ס׳פייפט דער ווינט אויף מיין שטערן,
עס שלעפט דער שניי מיינע שטיוואַלעס.
איך הער די בראָכן פון די צווייגן,

כ׳הער דאָס פּלאַצן פון מאַראַנצן.
איך מוז שווייגן, טויטן שווייגן,
באַלד פריר איך איין איך גאַנצן.

טאָ וואָס זשע הער איך? —
עפּעס רירט זיך אויפן בוים דאָך,
עפּעס רירט זיך אויף אַ בוים נאָך.
צי מיר דאַכט נאָר?
דער ווינט לאַכט גאָר?
ווו דער גרין פון בלעטער,
דאָס גאָלד פון די מאַראַנצן?
סאַראַ מראה אויף אַלע פּלאַנצן?!
נאָך וואָס דאָס וואַקסן צום פאַרדאַרבן?
נאָך וואָס דאָס בליען אָפּצושטאַרבן?
און איך פריר אין וויי.

און דאָך ווידער הער איך,
עפּעס רירט זיך אויפן בוים דאָך,
עפּעס רירט זיך אויפן בוים נאָך,
און אַ פלעדערמויז פאַלט אַראָפּ מיט אַ געשריי.

אַ געפּרווירענע, אַן אַדורכגעשנייטע
מיט צוויי פליגל שטאַר צעשפּרייטע,
מער שוין נישט צו פליען...

טראַכט איך, נאַכט איך
ווי די פלעדערמויז אַ בלינדער,
אַז אויך מיין סאָד וועט מער נישט בליען.

טראַכט איך אַזוי פינצטערע מחשבות:
פראָסט — אַ חלף, שניי — אַ מלאך המות,
און ס׳ברענט מיין וויי
אויף בוים און בעל חי.
נאָר ווידער הער איך, און וואָס זע איך?
די זון דורךביימער שטרעקט איר ערשטן פינגער,
דער פראָסט צעשוימט זיך מיט קאָלירן,
די פלעדערמויז — אַלץ פלינקער און אַלץ גרינגער,
די שטאַרע פליגל רירן,
זי הייבט אָן אין בלינדעניש צו טאַפּן,
מיט די שטאַרע פליגל קלאַפּן,
מיט די שוואַרצע ליפּן טרינקען פון דעם שניי,
און פּלוצעם — אַ שניידיקער געשריי, —
זי פליט, די פלעדערמויז, זי פליט,
און די זון איבער די שנייען גליט.

וואָס האָבן דאַן געזען מיינע אויגן?
סאַראַ ליכטיקייט האָט זיי געגלעט!
די פלעדערמויז איז אַוועקגעפלויגן
און בראשית האָט מיט מיר גערעדט.

איך האָב געזען דעם טויט
אין סאָמע חיותדיקן פליען,
אַלע שאָטנס האָט ער פאַריאָגט.

איך וועל בליען,
איך וועל פריען
האָט דעמאָלט אַלץ צו מיר געזאָגט.
— — — — — — — — — — —
דער שניי איז צעגאַנגען
ווי יעדער שניי צעגייט.
נאָר דער ווונדער איז נישט פאַרגאַנגען,
ער רעדט בראשיתדיקע רייד.
דער סאָד, צעבראָכן, בליט.
די פלעדערמויז, אַ בלינדע, פליט,
און דער וואָס האָט דאָס אַלץ געזען —
דערציילט עס אין אַ ליד.

נעאָנליכט אין דאָרף

מיט שטאָלבלאָע ליכטער, מיט לאָמפּן נעאָנער
האָסטו היינט אָוונט געיומטובט, מיין דאָרף,
מיט דיין ליכט דערשראָקן דעם האָן און דעם גאָנער,
און ביי דער ציג האָט געציטערט די באָרד,
און ס׳האָבן שעפּסן אין תמימות געפרעגט זיך:
ווו זענען די שטערן, ווו זענען זיי?
און די פלעדערמויז האָט געקאָרטשעט אין שרעק זיך,
בלינד איינגעדרייט אירע פליגל די צוויי.

נאָר וואָס מער די שרעק אויף געפליגל און רינדער —
אַלץ מער בן־אדם אין פייער־עקסטאַז.
געשטויגט האָבן אַלטע, געלאַכט האָבן קינדער,
אַזש ס׳האָט לבנה פון קנאה געפּלאַצט.
זי איז דאַן אַ פאַרבלאַסטע ערגעץ פאַרפאַלן,
פלוצעם פאַרלוירן כלהשן האָנאָר.
אַן אַנדערע גאָר, נישט פאַרהילט אין וואָלן,
מיט אייגענעס — צוויי לאָמפן נעאָנער —
פון דער שטאָט איז אַריין דורכן דאָרפישן טויער,
כ׳האָב נישט ביי איר געבעטן קיין צינזן...
אָ, ביז ווען, אָ, ביז ווען מוז לעבן אַ פּויער
מיט אַ קאָנעצל בלויז און מיט לינדזן?...
אַן אַ לבנה איז טאַקע פּוסט אין דעם ברונעם,
און דאָרפסהינט זוכן וווהין צו בילן.
נאָר ווער עס האָט דעם סוד פון נעאָן באַנומען,
האָט די נאַכט געטאַנצט זיבן קאַדרילן.

ב

*

נישט סתם אַ ווינטיקער, מיט הפקר אויף די פּאָלעס.
נישט סתם אַ בלאָנדזשלינג, אויף איין נאַכט אַן אורח.
דיין זון — מיין בלוט,
דיין ערד — מיין עול איז,
פון דיינע ליימען יויר איך.

און לידער מיינע — מיטצוגלעקלען, מיטצושפּאַנען
מיט דיינע דרייסטע קאַראַוואַנען.

מיין צונג — אין פייערן פון דאָרשטן,
נאָר אין אויג אַזוי פיל קוואַלן בלאָען,
און איך קוש דיינע וויסטע וויאָרסטן
מיט הייסע טלאָען.

צו נהריים

נישט מיט לבנהס האָב איך באַשיפּט דיין טייך,
און נישט מיט בעז דיינע וועגן באַרעגנט.
נאָר דו, נהריים, דיין ליכט מאַכט מיך רייך,
דיר האָב איך אַמאָל פאַרטרויט אַ פאַרמעגן.

אין דיינע ליכטער די מירמלדיק קאַלטע
פאַרגליט האָב איך טרייהייט פון פרי ביז שקיעה.
אַ האַמער־געזאַנג נאָך דופקט באַהאַלטן
צווישן טאָוולען גראַניט פון דעלהאַמיע.

דאָ האָב איך מיין ליד באַפוילן צו שטומען,
זיין נישט געזען ווי אויף דנאָען אַ זעמדל,
און נאָר איין שעה, אין פאַרנאַכט, ווען כ'פלעג קומען
וואַשן אין ירדן מיין פאַרליימיקט העמדל, —

די הענט צעריסן, דאָס העמדל בלויז צויטנס,
נאָר ווי האָסטו, ירדן, געשפּיגלט צום וועשער!
נאָך געדענק איך די בערג, די בייטן, די פלויטן,
דאָס גאָלד פון דגניה, די גרינקייט פון גשר.

אין גאָלד — מיין גאָלד, אין גרינען — מיין גרינען,
און כ'האָב געלאָזט מיין ליד וואַרטן אין שאָטן,
ביז האָסט צעוויגט דיין פלינקע טורבינע,
אַ פרייד צעשטראָמט איבער סלופּעס און דראָטן.

און צווישן מיליאָנען פֿונקען — נאָך איינעם
האָב איך געשיקט פון אַ האַרץ אַ געטרייען,
און מיט שטאָט און דאָרף, מיט גאַסן און פֿלייִנען
האָב איך געשווירן: בּיסט מיינס, נהריים.

אויפֿן שאָסיי

א

אין שטויב פֿון שאָסיי, ווען אויף שטיין האָט געהאַמערט מיין האַנט —
געזוכט האָב איך דיך אויפֿן סודיקן ראַנד.
אין וואָלקן־געמעלן, צווישן פֿייער־פֿיגורן
געניִשטערט די שפּורן
פֿון דיין חרובֿן מלכות, באַשעפֿער.

ס׳האָט דער האַמער געגליט אויפֿן שטיין
ווי די זעל אין פֿאַרשטויבטן געביין.
חאַמסין האָט געברענט אויף באַאָדערטע הענט
געפֿליקט די האָר פֿון דער ברוסט ביינאַנד מיטן העמד,
און אַלץ האָט געענגט, און אַלץ האָט געקלעמט
מן המיצר אין שווערער שעה,
נאָר דו ביסט נישט געקומען יה.
האָב איך געוווּסט: שוין אויף אייביק נישטאָ.

צו וואָס נאָך דיין נאָמען ווען רחמים פֿאַרזינקט?
אַ שטיין איז צעשפּרונגען מיט טרערן באַגלאַנצט;
כ׳האָב אַרום דיר פֿאַרחתמעט אַ פֿלאַמיקן רינג. —
דער שטיין וואָס צעשפּרינגט ווערט שוין קיינמאָל נישט גאַנץ,
און אומזיסט די תּפֿילות, אומזיסט.

דאָס בלוט האָט פֿון פֿינגער נאָן הייסער געטריפֿט.
און דער ווינט האָט געריסן זיין ריס;
— וואָס ווילן די אויגן דאָרט הויך אין שעהן פֿון פֿאַל?
האָסטו נישט שטיינער ביי זיך, ווו זוכסטו אַ קוואַל?

און דאַן — ווי אַן אוצר צום אָרעמאַן —
האָב איך אַ גלעקלען דערהערט אויפֿן לאַנגן שאָסיי,
און אַ ליד האָט געגעבט צו מיין ווייי
ווי קילער טל.

ב

דאָס האָבן קעמלען, באַלאָדן מיט זשווירן,
אַ הימל אויף האָרבן געהוידעט מיט פּראַכט,
דאָס האָבן די גלעקלעך געפּלייצט מיט קאָלירן
אויף דופּטיקע ברייטן פון קילן פאַרנאַכט.

ס'האָט נאַכט שוין פאַרהוילן מיט שאָטנס דעם ראַנד,
נאָר מער נאָך צעשפּיגלט שאַסיאַיקע ליניעס,
ביז דאָס ליכט האָט ווי וויין צעוויגט מיין פאַרשטאַנד,
פּראָסטן קאַלכשטיין צעפינקלט מאָזאַאיש אין דמיון.

און דאַן האָט אַ האַנט וואָס שפּרייט זיפזיף און זאַמד
אין גליק מיך פאַרקניפּט מיט אַ גאָלדענעם באַנד,
אין ווי מיך באַשיט מיט פייער פון ליליעס.

און לענגאויס די גראָע וויאָרסטן און מיילן
נאָך שימערט די האַנט פון יענעם שאָסיי.
אַהין ציט מיין טאָג פון אַלע געאיילן
דערמאָנען אין בענקשאַפט מיין גליק און מיין וויי.

אַ זמר פון אַ ותיק

כ׳האָב אַ פעלצל פון גליל, אַזש פון גליל,
און אַ שטעקן האָב איך אַזש פון מוצא׳ער וואַלד.
נעם איך ביידע און איך גיי מיר ווו איך וויל,
און ווען איך וויל, צי ס׳איז וואַרעם, צי קאַלט.

ד׳עם רעגן האָב איך ליב און דעם הייסן ווינט,
ביידע זענען מיר חברים שוין פון לאַנג,
און חברים זענען ביידע אויך אַצינד,
גוט צו גיין מיט זיי אַ גאַנג.

גייט מען, גייט מען, און אין פעלצל גייען מיט
די באַראַנעס און די שעפסן, אַזוי פיל.
הער איך פלייטן, ווערן גרינגער די טריט,
ג׳סט אַ געגעץ און דו ביסט שוין אין גליל.

פעלדז אַראָפּ און פעלדז אַרויף מיט שטאָק אין האַנט.
ווער עס גייט מיט אַזאַ שטעקן — קיינמאָל פאַלט.
סטעזשקע־מעזשקע, כ׳גיב אַ שפרייז איבערן לאַנד,
און שוין מוצא, ווייל דעם שטעקן ציט צום וואַלד.

ווייל פון וואַלד האָב איך אַליין אים אויסגעשניצט,
אין דאָס פעלצל האָט מיר באַשע אויפגענייט, —
גייט מען מיטן פעלצל אויך אין דער גרויסער היץ,
און מיט שטעקן חי געלעבט ווען רעגן גייט.

און אומעטום, כ׳לעבן, גיט מען זיך אַן עצה,
מען טראָגט דאָס פּעלצל און מען געדענקט אין באַשעס האַנט.
און גוט־ברודעריש קלאַפּט מען אויף דער פּלייצע
פון גאַנצן לאַנד.

ביסט נאָך יונג, שטאָט

ביסט נאָך יונג, שטאָט, און אויף דיין יונגקייט האָב איך געשווּוירן,
כ׳האָב מיין טרוים צעהאַנגען ווי אַ שילד צווישן דיינע שטאָקן.
כ׳וויל דיך נישט זען ווי אַלע שטעט אין דעמער־ליכט פאַרלוירן,
מיט אַ לבנה אַ צעקנייטשטע ווי אַ פּנים פון אַ זקן.

און קיינער זאָל נישט קומען דאָ מיט קראַנקן וואָרט
דיך פאַרגלייכן: דאָ ווי דאָרט,
דיין גורל ווייזן אויף שוואַרצער קאָרט
און אויף דיר מיט זונפאַרגאַנגען שפּייען.

דו ביסט נאָך יונג, און דיינע כחות וועלן דיר נאָך סטייען
ים און מדבר צונויפצופירן.
און כ׳האָב געשווּוירן, אַז דו, אַ יונגע און אַ פרייע,
וועסט קיינמאָל נישט ווי סדום פאַרשליסן דיינע טירן.

דער מוליער פון שכונת מחלול

דער מוליער אין אָרעמען צריפל פון שכונת מחלול,
ווו דער ימישער ווינט פייפט עלנט אַרײַן, —
פֿאַר אים גיס איך אָן אַ בעכער פול
מיט ליבשאַפט — מיין ווײַן.

נאָך זע איך אים צווישן די הילצערנע פורעמס,
די בריק רושטאָוואַניעס וואָס ער האָט געפּלאַסטערט.
פשוט און ריזיק ווי אַ קינד אויף אַ טורעם,
צעקושט מיטן ווינט און מיט ציגל באַלאַסטיקט.
אין שטאָט אָט דער, צווישן געווימלען,
ווו אַלץ ווערט שוין גראָ און פראָסט־וואָריק —
האָט ער מיך דערהויבן ביז הימלען,
ווי אַמאָל, אין עזות, יונגיאָריק.
כ׳האָב ווידער אים פריאיק דערזען אין התגלות
מיט זון אויפן פנים, מיט אויגן ווי פיילן.
אַ ים נאָך אים — מיט ווייניקע כוואַליעס,
פעלדער פֿאַר אים — מיט ווייצענע מיילן,
און ער איבער דעכער — אַ פלינקער, אַ גרינגער,
אַ פרינץ מיט אַ קעלניע, אַ פריילעכער מוליער.
די שטאָט איז באַמאָלט פון זיינע מאָזאָליקע פינגער,
און איצט איז ער נישט מער ווי איינער אַ גראָער מחלולער.

אָ, פאַרגעס אים נישט, שטאָט,
פאַרצי נישט דיין שיינקייט מיט גראָע געוואַנדן.
פאַרזינק נישט אין שפּינוועבס פון גראָשיקן טומל.
דערמאָן זיך דיין עבר אויף נאַקעטע זאַמדן,
דיין ציטערדיק לייב אונטער בייטשיקע זונען.
ווער האָט דעם ים געצוימט זיינע ווילדן?
ווער האָט די צעמענטן מיט האַרצפּרייד צעגאָסן?
שטאָט דו, צעציילטע מיט טויזנטער שילדן, —
פאַרגעס נישט אין גראָשיקן טומל דיין חתן.
איך רוף צו דיין שענסטער, דער יפת־תואר,
צווישן שויב און קלאַוויר אין חלום געטוליעט:
— צי הערסטו דאָס ליד פון ציגל אין מויער?
צי קענסטו דאָס האַרץ וואָס האָט דאָ געמוליעט?
אויב יאָ — לאָז איבער דעם קאַלטן קלאַוויר,
און קום אַהין ווו מיין בעכער שוימט שוין אַ פולער,
אויף די ימישע טרעפּ, אין דער אָפענער טיר
פון אָרעמען צריף דעם מחלולער.

אָט איז דאָס פּראָסטע פאָלק

אָט איז דאָס פּראָסטע פאָלק, אין תכלת פון שחר.
מגינים פון תימן, פון בבל, פון וואַרשע.
אין אויגן — די טייכן, אויף קני — די שליאַכן,
די פּאָלעס צעריסן פון בלוטיקע מאַרשן.

און קום אויף ש ב ז י, און קום קיין מ נ ש י ה,
און זע זיי אין זריחה, און זע זיי אין שקיעה —
צען פון אַ שטאָט, פון אַ משפחה נאָר איינער,
ווי זיי ליגן דאָ ציגל און פלאַסטערן שטיינער.

און זע זיי פאַרנאַכט אויף די אָרעמע שוועלן,
מיט פּענעצל ברויט אין לויטערן עלנט,
ווי זיי וואַשן אַ העמדל,
ווי זיי רייבן אַ פּענדל
און קוקן אויף האַלבער לבנה דערשראָקן.
קום דאַן צו זיי,
און זאָל דיר דאַכטן
אַז אויך דו ביסט אַ זקן,
און מיט אַ נידעריק געמיט ווי זיי אין פאַרנאַכטן —
העלף זיי וואַשן אַ העמדל, רייבן אַ פּענדל,
און אויך אַ גוט וואָרט נישט פאַרגעסן.

און זאָלן זיי גלייבן אַז ס׳וועט זייער טוען
מיט גיסים נאָך נסן.

פון תש״ח

די יינגלעך פון לאַנד

אונדזער גורל, אונדזער בלוט און גאָלד
אויף בראָכשטול און אויף קרוינשטול
פון די צייטן —
אים טראָגן זין, אונדזערע זין,
איז מזל זון געצייטיקט —
שטיל, אָן לויבן,
ווי עס טראָגט אונדזער גראָע ערד דעם רעגנבויגן.

אָ, וווּנדער זיך, דו אַלטער שטאַם, —
אַזאַ ליכטיקע באַהענגלונג דיינע צווייגן!
זיי גרויס מיט די וואָס אין דעם פּלאַם
ווייסן זייער ווייַ צו שווייגן.

אויסגעשפּרייט האָט זיי די נאַכט
ווי שטערן און ווי זאַמד
אויף בערגלעך פון דעם לאַנד
אַנטקעגן מדבר, דעם מולך־ספינקס,
און דאָס האָבן זיי, די זין,
בלוטנדיק מיט כבוד —
שטאָט און דאָרף אַרומגעקאָוועט
מיט אַ שיינענדיקן רינג.

אָ, לאָמיר נישט פאַרשעמען זיי מיט גרינגע לויב.
ווי אין ווייַן דער רום פאַר דער טרויב —
דאָס רײנע בלוט — אָן עדות זיי — — —.
און לאָמיר נישט פאַרשוועכן זייער טויט
מיט טרערן און געשריי.

חצות אין רפיח

אונטער אַ מדבר־לבנה, צעפּייערט אַז וויסט,
אַנטקעגן הימלען וואָס האָבן פאַרראַטן
און טריפן נאָך בלאָקייט אויף בלוטיקער שפּיז —
וועלן מיר היינטיקע נאַכט, צעשלאָגן פון קאַטן,
אָט דאָ אין רפיח ביי פלויטן און קראַטן,
אַן עדה פון יינגלעך — צעפלאַקערטע קנויטן,
און מיט אונדז זקנים פון אַלטע מאַרשרוטן,
און מאָרגנס שטאָפּעטן — בלאָ־אויגיקע קינדער —
ציילן, אויסציילן דיינע מינוטן:
אויך דו, אויך דו וועסט פאַרבלוטן,
דו האָר ביי דער טעמזע,
דו קאַלטער צילינדער.

חצות אין רפיח,
מיר שנירלען נישט תפילות, מיר פּראַווען נישט תיקון,
אַ יונג, אַ קשה־עורף, זיך הייבט איבער נאַרעס די צוימען צעפליקן,
עס שפּרייזן וועכטער דערצאַרנט,
נאָר נישט שטיל, נאָר נישט שטיל אויף דער נאָרע.
חצות, —
שוין גייען זיי — מורדים אַ שבט
מיט פלאַקערס געהויבן דורך אַש און דורך כמאָרע.
וועכטער! האָסט אומזיסט די טויערן פאַרריגלט,
אָט גייט ער דער שבט אין בלוטן צעשפּיגלט,
און העלער באַגינען מאַכט שוין אַ וואָרע.

גרויס איז די שעה

מלכות און ווי אין רעגנבויגן פון דאַזיקן האַרבסט,
אַ האָפענונג פיבערט אויף ראַנדן.
ביי צייטן און ווייטן פרעגט זיך מיין האַרץ:
פון וואַנען און וועז קומסטו, יהושע, מדבר צו לאַנדן?

איוף אַלע וועגן וויגן זיך ווערבעס אַצינד,
און אַזש פון כנען גלעט זיי אַ ווינט — —
עס הייבן זקנים געזונקענע קעפּ,
און שטוינען ביי קברים:
— ווער בויט עס דאָרט טרעפּ?

גרויס איז די שעה,
כ'האָב נאָך נישט קיין נאָמען פאַר איר.
זי איז דאָ, זי איז דאָ!
זי עפנט אַ טויער און שטייט אין מיין טיר.
זון צירקלט די ווייזערס, אָ טייער יעדע מינוט.
אַ געשריי אין מיין אויער:
איל צו וואָס דויערט!
לעב אין דיין בלוט!

אויף די בערג

אונדזער פרייד אויף די בערג, —
מיר האָבן דאָ שטיינער געשליפן — יסודות,
מיט האַמער די וויסטע צעריסן,
דעם באַרגווינט פאַרטרויט חלומות און סודות,
און מיט טויען פאַרטרונקען דעם טרוקענעם ביסן.
ווי וועלן מיר פאַרלאָזן די דאָזיקע בערג ?

אונדזער בלוט אויף די בערג, —
יעדע נאַכט צעפליקט דאָ די לאַנדשאַפט אויף פלאַמיקע שטרייפן,
לבנה צעריסן אין וואָלקן, ווי האַרץ אויף היענישע צינגער,
און מיר, די זין פון עם ספר —
מיט שטאָל אויף די פינגער,
וואַכיק אין לויער,
אונדזערע גופים — אַ מויער.

אויף אונדזערע פלייצעס רוט מיט בטחון אַ דערפל,
ווי גוט דאָס צו וויסן !
זאָלן חלומען קינדערלעך קליינע
און פריד זאָל אַרומגיין אין שטילע געצעלטן.
אַ דערפל שלאָפט שטיל,
און מיר אַנטקעגן די בערג, —
חלומות מיט אונדז,
און מאָרגנס,
און וועלטן.

דער פאַרלוירענער קעמל

א

אַ קעמל, אַ יתום, האָב איך געטראָפן אויף וועג קיין רוחמה,
די קני צעביילטע אויף שטיין,
דער האָרב מיט דערנער באַדעקט,
אין האַלדז האָט געכאָרכלט געוויין
און זיין צונג אויסגעשטרעקט
ווי ער וואָלט מיך געפרעגט:
חאַ — האַ — — ווו איז מיין האָר?
אין ס׳האָט זיין פרעגן געגליט מיט עלנט און צער.

ס׳איז געווען אויף אָנוועג פון דרום,
די מעשענע ווינטן האָבן געקלונגען.
אַ רייטער, אַ ווילדער, מיט שווערד אויפן אָרעם
האָט איבער די בערג צום אָפגרונט געשפּרונגען,
געפאַלן באַזיגט, די שווערד צעבראָכן.
עס וועט נישט דער מדבר זיין קבר באַמאָכן.

— — נישטאָ שוין דיין האָר, דיין האָר איז פאַרפאַלן.
אומזיסט דיין הוידען צו גראָז, דיין גלעקלען צו קוואַלן.
דיין האָר איז נישטאָ, און שפּעט ווערט די שעה,
קעמל, פאַרדרעמל!

ס׳איז געווען אויפן וועג קיין רוחמה,
אין קעמלעשן אויג האָט געוויינט לקוי חמה
און אויך ביי מיר געבעטן עטלעכע טרערן.
נאָר איבער רוחמה האָט געגליט אין זיג דער יידישער שטערן.

ב

שלאָף, שלאָף איין דו קעמל,
נישטאָ קיין צייט פאַר דיינע צערן,
שוין איילן מיינע ברידער דעם מדבר אויפצורייסן.
קעמל, שלאָף,
דו וועסט בלייבן ווי אַ מעשה,
דיך וועט מען אויף עקראַנען ווייזן,
און דאָ ווו דו קניסט —
— אַן אַרבעטסשטאָט וועט אויפשטיין, —
קופער, מעש און אייזן.

האָסט גאָלד אַמאָל געפירט, פון אופיר אַ לעגענדע,
באַצירט האָסטו מלכים מיט קרוינען און געווענדער,
נאָר יעדע מעשה האָט אַן ענדע.
טויזנט און איין נאַכט! — דער באַגין וועט איך פאַרבלענדן!

אָ, אַקערס איילן,
זיי שניידן שוין די שטרעקן.
די מדברשע מיילן
דערשראָקענע זיך וועקן.
עס קלינגען די באַפּעלן,
אויך דו מוזט הערן.
שלאָף איין קעמל,
און וואַרט נישט אויף מיינע טרערן.

פרייד אין באר שבע

זיבן ברינעמער — באר־שבע,
און מער, נאָך מער פאַרמאָגט זי שטערן.
גרויסע שטערן האָט באר־שבע,
אָ, ווער קען ציילן אירע שטערן?

אירע שטערן ווי אויסצײלן,
און ווי אויסמעסטן אירע ווינטן
ווען אַ געשיכטע, אַזאַ לאַנגע,
אין אַ באַגין אַזאַ באַגינטן? — —

ס'לויפט אַ ייִנגל אַזוי גאַלאָפּיק
מיט אַ זונרויז אויף דער טשופּרינע.
אַלע שטערן פון באר־שבע
אין טוי צעפינקלט אויף אים רינען.

אַלע ברונעמס פון באר־שבע
דעם ייִנגל רופן צו די קוואַלן:
— אָ נעם אונדז מיט אין דײנע אויגן
ביז אילת דיין שיינע כלה!

אַזש ביז אילת די זון אַ חופּה,
דאָס ייִנגל לויפט פאַרקניפּן ימען.
און די אבות, און די אמהות
פרייען זיך מיט אים צוזאַמען.

ג

מיין זכות

כ׳האָב לאַנג געברענט אין שאַנד, פאַר מיינע זיידעס אין פאַרשעמונג.
פון ווייטן קינדערלאַנד זענען מיר נאָכגעגאַנגען נעמען,
געהויבן שטראָפנדיקע האַנט, געזשמורעט שטרענגע ברעמען,
און אַ שטים האָב איך אין נעכט געהערט, אַזאַ פאַרדראָסיקע:
— וואָס איז דיין ווערט אַקעגן אונדז, צעזמרטע, חצותיקע —
אונדזער וויי אין פאַל און אונדזער תענוג אין עליה?
אָ פאַרלאָזט האָסטו דעם נצח־קוואַל
און געבליבן דאָרשטיק ביי רגעס — שהי׳ פהי׳.

די שטים האָב איך געהערט, זי האָט דורכגענאָדלט מיין געביין.
מיין מינערקייט האָט זיך געמערט מיט בלאָטערס און געוויין,
ביז איינמאָל אין אַ באַגינען,
ווען ייאוש האָט געגליט מיין זינען —
האָב איך אָנגערירט אַ גרודע ערד
און אויפגעשריען:
— אויך איך בין עפּעס ווערט.
כ׳האָב אויך מיין זכות, מיין תיקון און מיין עליה,
מיין אַקערשפּאַן, מיין שטויב זייַן, מיין גליען און מיין בליען
און אָט די גרודע איז מיין עדות.

און געמאָנט האָב איך דעם זכות ביי מיינע זיידעס.

פייגל אין לאַנד

אַזאַ אויפשיין מיין ערד אַקעגן דעם פּורפּורנעם וואָלקן,
עס שיינען גרודעס באַוויניקט, און עס ציטערן תבואהס.
פון בלומענגעוועב זיך הייבן צום הימל די פיאָלקעס,
מיט וווּנקען באַחנטע: אַט דאָ אייער רו איז.

צו וועמען דאָס רופן? צו אייך, צו די צעווינטיקטע טשאַטעס
צווישן ים און די בערג אין ווירבל פון לופטיקע רונדן.
ווער פליט דאָרט? די בענקשאַפט פון אונדזערע מאַמעס און טאַטעס,
אין פּורפּור פון וואָלקן, אין צינדונג פון מלכות און וווּנדן.

אויף די פעלדער ווערט שטיל, עס פינקלט מיט יומטוב־דערוואַרטונג,
יעדע זאַנג שטרעקט זיך אויס צו ברענגען פון הימל אַ פויגל.
אויף דער שטייך, אַ וויסטער, נאַקעטער, האַרטער,
ווי לכבוד די געסט — מיט גראָזיקן קלייד ווערט באַצויגן.

און העכער נאָך — ביי פעלדיקע ראַנדן די שלאַנקע טאַפּאָליעס —
זיי ציען זיך העכער און העכער מיט שלום צעפלאַטערט,
ביז זיי דערגרייכן, העט, צו די בושלענס זיידענע פּאַלעס,
צו דער גליאיקער בענקשאַפט פון אונדזערע מאַמעס און טאַטעס.

און שטילער נאָך ווערט אויף די פעלדער אין מורמל פון שלום,
ווען איבער טאַפּאָליעס זיך לאָזן די טשאַטעס אַרונטער.
עס שרייען פייגל פון ווייַ, עס זינגען פייגל דעם חלום,
אַ ווייאיק געזאַנג פון וואַנדער און וווּנדער.

אַ בושל אין היי

דו מיין גאַסט, דו יערלעכער, שטייסט ווידער אין היי,
ביי בלאָע ציקאָריעס צעבליטע — שאַ, שטילינק.
בושל דו, עס זאָגט דיין שווייגן אַזוי פיל וויי,
און אַזוי פיל טרויער שפּרייטסטו אויף מיין פרילינג.

פון דרום קומסטו מיט צפון אויפגעאָטעמט,
און דיינע פליגל צוקן בראַנדהיק אין דעם רוען.
אַ פּאַס אַ לאַנגער, פון דיינע פיס דער שאָטן —
פּאַלט אָוונטיק אויף זיך גאָלדנדיקער תבואה.

דיין שאָטן ברענט, אַזאַ שוויגיק פייערן!
אַזאַ פיבערדיק געמעל איבער די פליינען.
עס צוקן דיינע פליגל, גאַסט מיין טייערער,
איך צוק מיט זיי און דיין שוויגן מאַכט מיך וויינען.

וועד ביסטו ווער? דו שווייגסט אַ טיף געהיימער,
און דיינע פליגל — עפּעס טליתדיקס אין זיי.
בושל דו, טרויעריקער און שיינער,
איך קוק אויף דיר פאַרוואונדערט, איבערפול מיט וויי.

דיינע דינע פיס, און דאָס ציטערן פון זיי, —
אָט אַזוי ציטערט דער לעצטער שטראַל אין אָוונט;
אַזוי ציטערן די שטערן אין לאַנד פון שניי,
אַזוי ציטערן די ליפּן פון אַן אבל.

נעכטער וויל איך צוגיין, נעגטער צו דיר, בושל,
ס׳האָט מיין בענקשאַפט דיך דערקענט און מיין ליבשאַפט אויך.
שפרייזסטו גאָר אַוועק דיין געשטאַלט צו פאַרטושן,
און פליסט אַוועק פאַרהוילן, אַזוי ווייט און הויך, —

איבער באַרג און ים, דורך וואָלקן, ווינט און פייער,
אין מיין קאָסע דיינע צאַפּלענישן שפּיגלט.
באַלד שנייד איך היי, פול ווערן וועט דער שייער,
נאָר די רו וועט נישט קומען ווי לאַנג דו פליגלסט.

און ביז אַ נייעם פרילינג, גאַסט, דו גאַסט מיין יערלעכער,
ביז די בלאָע ציקאָריע וועט ווידער בליען, —
וועל איך פון דיר טראַכטן, דו שווייגער ערלעכער,
עניו דו, אורח דו אויף היי־פעלדער פון ציון.

י. ל. פּרץ

א

פון מיין האָב און גוטס,
פון מייך זינגעוודיקער אָרעמקייט
גייען אויף ווי מידע שפּעלעך די רייד
צו דיר און צו דיין ברונעם.

אָן גראָע האָר איז נאָך מיין קאָפּ,
נאָר דורכגעשטערנט האָט דיין ייחוס
פון שאַרבן ביז די זוילן,
און ס׳שיינט צו מיר דיין אהל
פון פאַרשנייטן פוילן.

און שפּלע קניען מיינע שפּעלעך צו דיר
אין אויפגאַנג צו דיין אהל אויף די שטיגן.
אַז ווויל זיי, ווויל זיי אַן אַ שיער
ווען עס גילגולט זיך דיין ניגון.

ב

פון שפּענער — בינטן אין וואַלד גייט קלייבן,
בינט צו בינט פּעסט פּאַרקניפּן;
גייט צום שטיבל ווו ס'איז קאַלט אין אויוון
און טראָגט די ברכה אויף שטומע ליפּן.

— אַזוי האָסטו, טאַטעניו, באַפוילן,
וועלן מיר טאָן אַזוי ווי דיך פאַרלאַנג.
מיר קומען אַלע פון וואַלד, פון גרוילן,
אויף פּלייצעס — בינטן, אויף ליפּן — געזאַנג.

ג

פון ר׳ עקיבא אין פייערקאַמען —
דורכגעגאַנגען הייסע צוואַנגען
פון די ת״ח און די ת״ט,
און דערשריגן און דערזונגען
ביז פּאָדאָליע און קאַרפּאַטן;
און מיט ווייסלס בלאָע כוואַליעס
זיך פאַרוויקלט און פאַרטליתט
ביז דער ברייטער פעלערינע
פון אונדזער גרויס־געזאַלבטן טאַטן.

דיין אהל צווישן חורבות — אַ קרוינשטול אַ פאַרווינטער —
רופט יתומים צווישן ימען:
גייט אויף חורבות! גייט דורך פלאַמען!
גייען מיר אויף חורבות,
גייען מיר דורך פלאַמען,
אויפגעהעלטע,
מיט אַ מזמור — אַלע וועלטן.

אַ מזמור וועלטן
פון שטאַם דעם אייביקן פון טויט,
פון שטאַם דעם אייביקן פון אויפשטייק,
און מיר פלעכטן אַלץ דעם חלום אין די טיפסטע וווּנדן.

אַ נר תמיד אויף דיין אהל
פון אַלע שייטערן געצונדן.

שבת זאָל זיין

אין פורפורנעם אויפגלי פון מדברשער שקיעה
האָט פלוצעם די ווייטקייט אַליין זיך געעפנט,
און איך פאַרוווּנדערט אויך דער זעלטענער זכיה:
דעם שבת ביים ענד פון אַ מדבר צו טרעפן —
האָב געטרונקען דעם ווייַן פונעם חורבהשן פלאַקער,
צעפּיבערט אין גאַנצן פון גרויסן באַשערן,
און איבער די חורבות צו מיר פון מרחקים —
אַ ליד האָט געבאָטן:
שבת זאָל זיין און שבת זאָל ווערן!

*

צערוקט האָבן בערגער די שפּאַלערס די האַרבע,
און איך פון די דיונעס, פון וואַנדערוואָך גאַנצער —
באַהעמדלט בין דורך מיט די פורפורנע פאַרבן,
און אַלץ אין מיר ברומט צו די כוואַליעס פון ים־סוף.

ווי האָט איר דערציטערט, איר ליכט פון מיין מאַמע,
אַז דאָ קיין אילת, אַז אַהער צו דעם ים־סוף! —
צום בלאָען געלענדער פון שבאָס קאַראַוואַנען,
צו וועגן קיין כנען פון פיתום ורעמסס.

דורך וויפל ים האָט מיין בענקשאַפט דערטראָגן
דיינע ציטערדיקע ליכט אין טרערן צעפינקלט,
אַז ס׳זאָל מיר באַשערט זיין גוט־שבת צו זאָגן
אָט דאָ, אין אילת, אין קאַזאַרמעשן ווינקל?

ביי טישן די פּראָסטע פון לאָבן און רעטעך
דיך ווידער צו זען אַזאַ וויניקע שיינע,
און איבער די צייטן און איבער דעם שטח —
צו דיר שבת־מלכה, מיט דורות אין איינעם:

— — אָ, מלאכי שרת — אין גראָע שינעלן,
מלאכי שלום — עליו השלום, מיין טאַטע.
די אויגן פאַרשליס איך, זאָל העלן! זאָל העלן!
און אַ טויב אַזש פון צפת צו מיר דערפלאַטערט — —

אָ, סאַראַ מהלך, אַ גאַנג לכה דודי
פון צפת ביז דער ווייסל דורך ימען און לענדער,
ביז אַהער ווו כ'וויג זיך מיט זעלנער צעהוידעט
אין כוואַליע־געוויג פון ים־סוף געלענדער,

אָ, אַלע דיר, מלכה, אַקעגן געגאַנגען
אז שבת זאָל זיין, און ליכטיק, און העל נאָר,
פון אַלע דינורן אַנגעשעפּט קלאַנגען,
און ס'שיינט די קאַזאַרמע, עס זינגען די זעלנער — —

*

אַ זינגען אַזאַ ווי פון וועלטטייכן אַלע
דאָ וואָלטן פאַרכישופט דערטאַנצט די רוסאַלקעס.
דער ים־סוף צעשטראָמט די קאַרעליקע כוואַליעס
מיט טעפּעכער זילבער לכבוד צוויי מלכהס.

די מלכה פון שבת און די מלכה פון שבא
צוזאַמען זיך טרעפן, אַזש ס'גלאָצן די רויגן.

און שטערן אילתער ביז ימישער דנאָ
ווי מאַמעשע פערל אויף סטרונעס געצויגן —

מתנות אייך ביידע, די שטראַליקע מלכהס.
מיר שפרייטן זיי אויס אויף די ימישע שוימען.
און באַלד וועלן אויך פון בערגער די קאַלטע
גליאיק אַ פלייץ טאָן די אוצרות פון שלמהן.

און צוזאַמען מיט אונדז וועלן מלכה און מלך
צעטיילן די ליבשאַפט, די חכמה און גיטער,
ביז אַליין וועט דער עלנט אויפוויגן פריילעך,
און מיר דאָ ביים ים־סוף מיט וועלט אין געמיטער —

פאַר מזרח און מערב, פאַר צפון און דרום
מיר וועלן דערהייבן, מיר וועלן דערטיפן.
מיט באַגייסטערטע הערצער און שטאַרקן אָרעם
די בענקשאַפט פון דורות דערזעגלען, דערשיפן.

און אויף מדברשע חורבות מיט גליאיקע שפאַנען,
אַריבער די בערגערס געוואַלדיקע ברוכן,
אין אָפּגרונטיקן ציטער מיט ריזן־וווּלקאַנען —
פאַרוואַרפן די אַנקערס צו גרויסער מנוחה.

און שבת זאָל זיין, און שבת זאָל ווערן
ווייל ביז חורבות פון מדבר אַ ליד האָט געבאָטן — —

און שבתדיק האָבן אילתישע שטערן
אין כוואַליעס פון ים־סוף צעפינקלט געזאָטן.

אַזוי איז דיין וואָרט

לייוויקן

צום געוויג פון דיין קאָפּ
זאַמלען זיך אַלע וואָס האָבן דערקענט
דעם מענטש ווי ער ברענט
אין זיין פייער.

ווער זענען זיי?
זיי טראָגן נאָך קרייצן אויף נאַקן, קרייציקע האַקן,
נאָר אויף די ליפּן אַ גאָלדענער פאָדעם, —
צי דיר אַ געבעט:
זאָג אַז גוט איז בן־אדם!

ווי וועסטו דאָס זאָגן, די שלעכטסטן פאַרגוטן?
באַהאַלטן די קלאָגן אויף אַשן און בלוטן?

זיי וואַרטן,
און אויף דיין ווייסן קאָפּ
נידערט דאָס וואַרטן אַראָפּ.
ווי אַ פויגל אַנטלאָפן פון בליצן, —
גיב אים אַ צווייגל אַ גרינס אין רו צו זיצן.
נאָר דו, אַליין אויך פאַרקנופּט אין די בליציקע שלייפן —
מיט פאַלשער נחמה דו וועסט נישט באַגנאָדן.

און אַזוי איז דיין וואָרט:
נאָך איז מאָרד, נאָך איז שריפה,
און איר פון פר וואפר הייבט אויף דעם בן־אדם!

אַפּריל 1950

אין יעדנס אויגן

קוק אַריין אין יעדנס אויגן,
לייען די פּנימער פון מענטשן
און זוך משיח.
אפשר וועט דיך מזל בענטשן
און ביסט מצליח.

קום נישט צוריק מיט טרערן
אויב וועסט נישט דערהערן
דאָס שאַלן פון גאולה.
דעם כוס של אליהו גיס אָן אַ פולן
ווייל אפשר גייט שוין דער מבשר.
און אויב האָסט נישט קיין ווייַן —
זאָל גוט אויך זיין
אַ כוס מים־חיים־וואַסער.

און פרעג ביי יעדן דל ועני,
און גיי נאָך די שריט פון דיין גראָען שכן,
און הער נישט אויף צו האָפן,
און הער נישט אויף צו מאָנען,
און האָב בטחון.

דער וואַלד וועט פאַרגעסן

א. סוצקעיערן

האַרבסט, ווינטער און פרילינג — מיר וויסן דעם סדר,
אַ מערץ־ווינט וועט דורכגיין די ווייסע בעריאָזעס,
די רעשטן פון דיינע פאַרבלוטיקטע קליידער
צעפליקן, צעוואַרפן, פאַרדעקן מיט גראָזן.

און נאָך דעם וועט קומען אַ טשערעדע ציגן,
פעט גראָז פון פרי־פרילינג מיט תאוה צעקייען.
אַן אַלטע פלייט וועט פרווון קיצלען אַ ניגון,
ווי ס׳וואָלט נישט געווען דאָ קיין בלוט און קיין פייער.

און זומער, און האַרבסט, — יאָ, מיר וויסן דעם סדר,
די היץ וועט פאַרפרעגלען, פאַרשווענקען וועט רעגן.
די צויטנס פון דיינע פאַרבלוטיקטע קליידער
וועט ווינט צעטראָגן איבער מאָכיקע שטעגן.

און וואַלד וועט פאַרגעסן אויך דיין רום, דיין צעבליאונג,
דייך אויפשטיין באַוואָפנט מיט גלויביקע פאָנען — —
נאָר אַ ליד פון דער ווייט, אין טיף־רויט פון שקיעה,
וועט שרייען צום וואַלד, און דיין נאָמען דערמאָנען.

צו איציק מאַנגער

מ׳שטיינס געזאָגט, מיר האָבן נישט אַפילו קיין אכסניה,
אַן אייגן גוט באַהאַרצט ברידערטישל,
אַוועקצושטעלן אַ פלעשל ווײַן און אַ גאָלדן פישל
לכבוד אונדזער קאַפּלמײַסטער, קלינגער־קלאַנגער,
איציק מאַנגער.

נישטאָ קיין שענק, נישטאָ קיין טישל,
האָבן מיר דערפאַר אַ האַרץ וואָס געדענקט
אַלץ וואָס צײַט צעשערבלט און צעקרישלט.
פון פונדקים און פון קלויזן, קוזמערער און יאַסער,
טראָגן מיר די אָרנאַמענטן און די בעכערס;
אַלע בעזן פון די אומעטיקע גאַסן,
אַלע שטערן פון די שינדלדעכער.

דײַן טרער איז גרויס און די בעסטע וויינען זוכן מיר פאַר דיר.
נאָך פון אַלטע קעלערן אונטער אימהדיקע שלעסער,
צווישן גרויסע כישופדיקע פעסער,
וואַרטן בלאָע קרוגן אויף דיר, מאַנגער;
נאָך פון טײַכן בײַ די ווערבעס,
מיט אַ סטרונע אַ לאַנגע
האָט אַ גאָלדן פישעלע געפאַנגען,
אַ פידלער, אַ פאַרוויינטער פאַנגער,
און דו ביסט טרויעריק, מאַנגער.

בײַ די ווערבעס האָט געוויטערט, אין די קעלערס האָט געביטערט,
און דײַן סטרונע ציטערט, ציטערט. .

שאַגאַל אין זכרון יעקב

ברענג שאַגאַלס אַ ציג אויף די דאָזיקע דעכער
און זי וועט זשאַמזשען דעם מאָך בנעימות,
ווי אַלע זכרונער לייט ביים שבת־בעכער
אַ מערביק קיכל, אַ בריקעוו־צימעס.

און ווען זכרון־יעקב רופט אויף „מי שברך"
פאַר ראָטשילדס כבוד — הנדיב בנימין, —
וועט אויך שאַגאַלס ציג, אונדזער ליכטיקער אורח,
מיטהאַלטן מנין, לויבן זיין נאָמען.

אַ ציג, אַזאַ גוטס, פול הכנעה און צניעות,
אַ בערדל וואָס שאָקלט תמיד אויף יאָ —
וועט האָבן דאָ אַלץ, מאָך און קאָרע און בליעכץ,
און באָקסער און פייגן, אַלץ וואָס איז דאָ.

און שבת פאַרנאַכט ווען די שטערן שוין שטייגן,
און וויין אַ מתיקות אין דופט פון פאַרנאַכט —
וועט צום קליינטשיקן ווייגשטאָק, היימיש און אייגן —
קומען די ציג און איר מויל אויפגעמאַכט —

צו פליקן די טרויבן, די קליינע גן־עדנס,
און שיכור אַ שפּרונג טאָן אויף מאָכיקן דאַך,
אויסצוטאַנצן פאַר אַלע יונגע און מיידן
זייער בענקשאַפט אין דער לבנה־נאַכט.

און פון אַרום און אַרום וועט ווינט אויף די בערג
פאַר שאַגאַלס ציג אויפזינגען אַ לויב.
און זכרון־יעקב וועט זיך פרייען מיט שאַגאַלס ווערק,
ווי זי פרייט זיך מיט באָקסער, פייג און טרויב.

אָט אַזוי, ברידער

א. שלאַנסקין

א

איין ווי, איין פליכט:
אין נאַכט פון ווינט און וואָלקן
אויסשפּירן די האָריזאָנטן;
מיט דינע פעדים ליכט
אַרומגאַרטלען די וויטן און די גאַנצן,
און בישטערן אין היילן
און זוכן אין די בערג.

אָט אַזוי, ברידער, —
ווי הירשן לאָמיר לויפן.
דער מאָרגנשטערן שטייגט שוין
און ער איז שיין.
גייט אויף, גייט אויף מיט אויפגאַנג־לידער
און לאָמיר בישט פאַרזאַמען אין געוויין.

ב

פון זון נעמט ליכט, פון פעלד — בטחון,
און הערצער היילט פון שפּאָט און שנאה.
נישט טייטלט אויפן בוים: צעבראָכן,
נישט זאָגט: דער ברונעם אויסגעדונען.

פון נייע טיפן שוימט דער פרילינג,
גלוסט צו עפּל און גרייט די עמער.
אַ נייער טאָג שוין ברענגט דערפילונג,
און ער איז נאָענט, און ער איז שענער.

ביים ים

ביים ים, אין ווילדן וועל־געררודער —
זאָל שוים די אויגן נישט פאַרשטעלן,
האָב צייט, זוך אָפּ אַ רגע, ברודער,
אָפּצוגעפינען צווישן וועלן
אַ רינגל זון, אַ דימענט שטערן,
דעם סוד פון ליכט, דעם אינדזל וווּנדער.
און נישט נאָר גאַנצן ים זאָלסט הערן,
נאָר יעדעס טראָפּעלע באַזונדער.

ווען שיפן הייבן אָן צו רעווען,
ווען פּענער ווינטיקן און בלענדן, —
זע אויך דעם אומרו פון דער מעווע,
ווי פליגל פרעגן: ווו זיך ווענדן?
ווי שווער די ברעגן צו פאַרלאָזן!
אַ טרער באַפייכט דעם מאַסטבוימס קנעכל.
און קוק אין אויגן פון מאַטראָזן,
און הער דאָס זינגען און דעם עכאָ.

זיי רײַן אין געזאַנג

אויף די מאַרקן פון רום האָסטו גאָרנישט צו טאָן.
נישט דיר די פּאַרריסענע קרוין
מיט רובינען פון בלוט און פּאַראַט.
נישט דיר דאָס פּאַיאַצישע ליד
וואָס פאַלט צו די פיס פון מאַגנאַט.
אַ געבאָט דיר פון לאַנג:
זיי רײַן אין געזאַנג!
טראָג דאָס וואָרט אין מויל
ווי אַ צעפּייערטע קויל.
אין הונגער גלי
נאָר פון שאַנד ווער נישט זאַט,
און בעסער פאַרבלייב ווי אין מדבר אַ בוים
היטן אין גליווינט אַן איינציקן בלאַט.

אַ געבאָט דיר פון לאַנג, היט דאָס געבאָט,
און ווייט פון די מאַרקן לייטער דיין טראָט, —
זיי גרודע פון גרודעס אין גליאיקן פעלד,
ציניד אַן יעקבס ליכט אין אָרעם געצעלט,
און זיי וואַך פאַר אַ סך אין דיין אַליין,
זיי ראוי דערצו, דיינע ליפּן האַלט רײַן,
און בלאָז אויף מיט דיין אָטעם דאָס ליד
ווי די קוילן — דער שמיד.

צו אַ רעדאַקטאָר

פון פייגל אַלערליי
האָסטו אויסגעקליבן דעם פּאָפּוגיי.
וואָס דו זאָגסט — זאָגט ער,
נישט ווייניקער, נישט מער.
סאַראַ קלוגער פויגל!

מיר איז טרויעריק געוואָרן, —
אַזאַ די צייט — זי דאַרף אַ נאָכזאָגער אַ כיטרען,
אין שכל פויל, אין האַרץ אַ טיפּש;
זאַכלעך,
פאַכלעך,
סטערעאָטיפּיש.

און איך פאַרשטיי פאַרוואָס דער העלפאַנט איז דיר געפעלן, —
זיך דאָ מיט וואָס צו שטעלן,
מיט וואָג און מאָס,
און דער עיקר מיט דער לאַנגער נאָז —
צו באַדינען בויך און מויל.
זייער פיין און זייער וווּיל!
וואָס דען אַ נאָז — צו שמעקן רויזן,
פאַרטאַכלעווען פון אברים דעם מיין?

ווער דאַרף זיי, די בלומען־ליבער, די שלאַמויזן?
אַזאַ די צייט, זי הייסט איך גיין.
נו גיין — איז גיין, זעמיר זיך צעגאַנגען,
דער חיה־גאָרטן האָט שטעגעלעך אַ סך.

עס שיינט דער הירש אויך ווען ער איז געפאַנגען,
און דער פּאַפּוגיי פּלוידערט תמיד פלאַך.

אויב גיין — איז גיין.
פאַרלירן דיך איז גרינגער ווי זיך אַליין —
בין איך אַוועק מיט שוואַנען דעדן
צו דעם בלאַלאָכן באַסיין,
און מיר אַקעגן האָט אַן אָדלעריין
אַריבער קראַטעס די פליגל אויסגעשפּרייט,
ווי די פרייהייט ברייט,
און ס'האָט דער לייב אין שטייג געברילט,
און זיין אור־געשריי אַליין געשטילט
מיט מלכותדיקע פּראַכטן.

אָ, אפשר לכבוד דער זשיראַפע
וואָס האָט אויסגעשטרעקט איר האַלדז
צו גאָט אין אַלץ,
ווי אַלע בעלי חלומות אין פאַרנאַכטן.

דו האָסט דאָס אַלץ שוין נישט געזען,
דו ביסט שוין ווייט געווען
אין דיין האַרנטום ביי די ליינאָטיפּן.
ציניש דיריגירט,
רוטיניש קאָרעגירט,
און דאָס וואָרט פון בליי
איז נישט דאָס וואָרט פון מיינע ליפּן.

ל י ד

צי ווייסטו רויער ליים,
צי ווייסטו האַרטער שטיין
פון טיפן הימלטייך,
פון בלאָער שטערנשיין,
און פון לבנהרינג
וואָס נעמט אַרום די בערג.
צי ווייסט איר דען פון ליד
וואָס שטראָמט און זידט אין נערוו?

איר שפּראָצט אַרויס אַ גראָז,
איר האָדעוועט אַ מילב,
נאָר פרעמד איז אייך דאָס האַרץ
וואָס לויפט צעבליצט און ווילד,
נישטאָ פאַר אים קיין וואָג,
נישטאָ פאַר אים קיין מאָס.
נישט ס'ווייס פון אים די מילב,
נישט ס'ווייס פון אים דאָס גראָז.

אַ סוד פאַר אַלע אייך
אין טיפענישן גליט.
די האַלבע נאַכט קלינגט אויף
אין הייסן האַרץ פון שמיד,
און קיינער זעט נישט דאַן
דעם רויטן פונק וואָס פליט.
אַ שווערער שלאָף אויף אייך,
און וואַך איז נאָר דאָס ליד.

דאָרשטן

א

צו זיך אַליין בייג איך זיך איין
ווי אַ לבנה דורך וואָלקנס צום ברונעם
איר פּנים געפינען אויף דנאָ.

ווער בין איך?
וואָס בין איך?
מיין טרויער און פרייד,
מיין ניין און מיין יאָ?

שאָטנס אין ברונעם, מאָכיקער טונקל.
נישט איין עמער האָט שוין פאַרזונקען,
דאָך בייג איך זיך טיף צו דערזען און געפינען.

כ׳וועל אפשר מיט לבנה צווישן וואָלקנס פאַרגיין,
און אויך נישט געפינען זיך אַליין
ביז ס׳וועט קומען די שעה פון באַגינען.

ב

אויף הייסע גרודעס קניט מיין טאָג אַנידער,
פון גלי־ווינט און פון זונבראַנד רויט באַסימנט,
און דאָרשטיק ציען זיך די מידע גלידער
צום זוים פון הימל.

ווי אַש אין האַרץ אַ פאַרגעסענער נאָמען,
און כ׳פּרוּוו זיך דערמאָנען, —
— דו, טאַטע פון טאַטעס — —
נאָר די שקיעה אויף ליפּן פלייצט אַזוי ביטער.

ווי קאָן איך דיין נאָמען נאָך רופן
ווען דיינע פליגל אָן פלאַטער,
ווען דיין קרוין איז צעשפּליטערט?

טאָג קניט און פאַרזינקט.
מיין דאָרשט ברענט מיט די מינוטן,
נאָר דיין נאָמען אין פייער,
דיין נאָמען אין בלוטן
ביינאַנד מיטן טאָג זינקענדיק קניט.

און אויף גרודעס די הייסע
בלייבט איבער אין דאָרשטן
מיין שטויביק געמיט.

ג

שלאָפלאָז און מיד ביי דער בלינדער וואַנט
בעטן אויף ליכט מיין אויג און געהער:
סיי־ווי שטרעק איך אויס ווי אַ לונאַטיק מיין האַנט
ווייל יעדער שלאָף איז מיר שווער;
ווייל איך בין נישט פון יענע לייט
וואָס פיר אין צוואַנציק שעה — זייער צייט
צו קעכלען דעם גוידער
און מערן דאָס פעטס.
אָ, בעסער מיט גרויסע לבנהס מיין שאַרבן צעשוידער.
נאָר לאָז מיך נישט ווי אַ פויגל פאַרקלעמט אין זיין נעסט
דוממדיק טויט.

חצות.
הער צו,
איך וויין אויף דער רו.
יעדער אָדער שרייט און וויל ווערן אַ קנויט,
ווי פאַרמעט וויל איך צעוויקלען מיין הויט,
ס'שרייט דאָס פלייש פון מיר:
גיב ליכט!

און ווי אַ קוילנגרעבער, פאַרלוירן אין דער טיף,
שלאָג איך מיט אַ האַמער אויף דער בלינדער שיכט.

ווי די בינען

פאַר וואָס בייסן די בינען, די טרעגער פון האָניק,
און דוקא אין טאָג ווען עס רעגענען בליטן,
און זון שרייבט איר גוטסקייט אויף הימלען און פעלדער?

אָ, לערן אויך דו זכות אויף זיך
פאַר וואָס דו ביסט בייז און פאַרוואָלקנט,
ווען דו לייטערסט דיך האָניק — זילבן און ווערטער.

זאָל ווערן פאַרגעבן
די אַלע וואָס שוועבן
צערייצטע,
פאַרטראָגן מיט האָניק,
און זשומען די גוטסקייט פון הימלען און פעלדער.

אַ תּפילה אויף ליכט און גוטס

אויב כ׳האָב נישט געמאָרדעט,
און ס׳האָט נישט מיין האַנט געפּאַכעט אַ קנוט,
און כ׳האָב נישט געטונקען מייך גליק אין עמעצנס בלוט, —
בין איך גוט?

אָ, שנאהס, שלאַנגיקער גיפט,
איר צישעט באַך פון יעדן שטיין,
און אויך אין מיין טיפער טיף,
אין שעהן ווען איך בין אַליין.

וועמענס האַנט האָט אייך פאַרזייט?
ווער האָט פאַר אייך מיין האַרץ צעפּראַלט,
אייך פאַרהילט מיט אַ קלייד,
פאַרשטעלט מיט העפלעכע רייד,
און באַהאַלטן אַזוי ווי עס באַהאַלט
אַ שייקע גזלנים דער מאָכיקער וואַלד?

איך רוף דיך, שנאה, אַרויס,
דיין נאָמען אַנטפּלעק.
צעוויקל זיך, שלאַנג, צי זיך אויס,
און דו, בלינדער וואַלד, הייב אויף דיינע העק.
כ׳וויל דיך זען ווי דו ביסט,
אָפן, און בייז, און באַזונט;
דערפילן דיין בראַנדיקן ביס,
מייך שאַרפע סמיקע ווונד.

אַנטפּלעק זיי, אַנטפּלעק אַלע שנאָהס אין מיר,
איך בעט צו דיר, זון.
אין מיינע פינצטערסטע גרונטן עפן אַ טיר,
איך רוף צו דיר, קום.
העל און צעהעל, לייכט אַריין,
זאָל גאָרנישט בלייבן פאַרשטעלט.
אַ קערן מוז פוילן אויפצוגיין
אויך אין מיין האַרצס פעלד.
זאָל ווערן אַנטפּלעקט מיין שלעכטס און מיין פאַל,
ביז די זון הייבט מיך אויף צו איר גאָלדענעם קוואַל.

אייך, די סתמע

אייך, די סתמע אָן אַ נאָמען,
ווו געפינען? ווי דערקענען?
תמיד מיט די הענט אויף פּנים,
און טרערן אין די דלאָניעס ברענען.

צירונגען און הערבן פוצן
יעדן הדיוט, קרוינענלעקער.
נאָר איר, דער וועלטס שטומע גוטסן,
גראָע שמידער, צייטנס וועקער, —

אין דעם דור פון כיטרע פוקסן,
אין געדראַנג פון עלנבויגנס —
איר, די תמע גראָזגעוויקסן,
טרעגער פון דעם רעגנבויגן, —

אָן אייך בלינדן מיינע אויגן,
אָן אייך פינצטערט אין מיין זינען.
ווו אַ מענטש נאָר גייט געבויגן
זוך איך אייך צו געפינען.

מיין בּרידערשאַפֿט

די זעלבּע טרער, אַנדערשדיק, אין יעדן פֿענצטער גליט,
די זעלבּע זון, אַנדערשדיק, אויף יעדן פֿענצטער בּליט,
און צווישן אַלע פֿענצטער גייט אַרום אַ ליד
צו אייניקן און קניפּן
מיט זון און טרערן אויף די ליפּן.

קומט אַמאָל אַ גאַסנשפּילער מיט שפּילוואַרג אויף דער פּלייצע,
עפֿנט מען די פֿענצטער צו פֿרעגן אים אַן עצה,
ווי מיט שפּילן צו פֿאַרשפּילן,
זיך צו זעטן און פֿאַרגלעטן;
ווי דעם נאַקעט צו פֿאַרהילן,
ווי אין בּאָרוועסקייט צו טרעטן.

שפּילט ער, שפּילט ער, מיין גוטער בּרודער,
יאָ, ער איז איינער פֿון פּאָעטן.

אַזעלכע זעמיר אַלע — תּפֿילה־פּרעפּלער, וואַגאַבּונדן.
אַיעלכע זעמיר אַלע — די פֿאַרקניפּער פֿון מענטשס ווונדן.
גוט וואָס אַזעלכע זענען פֿאַראַנען
וואָס ווייסן ווי צו יעדנס פֿענצטער קומען.
אויף פּוסטעס האַרבּסטיקע, אין גרויסן וויאַנען —
איר דעם מאָרגנס ערשטע בּלומען!

צו אייך מיין בּרידערשאַפֿט, מיין לידערשאַפֿט —
האָט דעם וועג שוין לאַנג געפֿונען.

יאָרן

די גראָע האָר זאָגט: וואָר —
ווערסט עלטער,
נאָר טרויבן בליען נאָך
און ווייט צום קעלטער;
פון שפּיצן בערג — דער מאָרגנשטערן
און פלינקער ווינט אויף פרייע לאַנען.
אויף דיינע לאָקן — דלילהס שערן,
נאָר דו, מאַן פון מאַנען — —

ווי לאַנג אָדלערס טרייסלען דיינע ווינקלען —
אומזיסט פאַרוואַרפט ווער נעץ פון קליינגליק.
פענצטער — אָפן, ש"י עולמות פינקלען,
און דו מיט זיי געאייניקט.
צייטן דיר — מיט שטערן און מיט זונען;
ווייטן דיר — בונטאַרישע טאַבונען,
און שוועבסט מיט זיי נישט צו פאַרהאַלטן.

און דער וואָס מאָלט דיך אַקוואַרעליק,
מיט זקנה מידע, גראָ און גרעליק, —
וועט דיך קיינמאָל נישט געשטאַלטן.

צום האַרבסטיקן מאָלער

מייך וואָרט דיר, מאָלער:
אַנדערש מיש די פאַרבן.
האָסט אויסגעשעפּט די שקיעה ביזן גרונט,
ערד און הימל ווי איין ווונד,
צו וועלק און פאַל און שטאַרבן.
מיין וואָרט דיר, מאָלער:
אַנדערש מיש די פאַרבן.
און נישט ווי אַ ציגיינערטע זאָלסטו דעם אָוונט ווייזן
מיט בלינדע טעשלעך קאָרטן אין דער האַנט.
ווייז אַ טיגל און אַ פורעם, וווּ ס'שמעלצט דאָס אייזן
און אַ דלאָניע וואָס מייסטערט מיט פאַרשטאַנד
פליען פונקען — זאָג נישט: שטערן פאַלן,
גליט דאָס פייער — זאָג נישט: האַרץ אין בראַנד.
ס'קענען פאַרבן אויך ווערן קוואַלן,
ליכט פאַר מענטש אין יעדן העק און לאַנד;
זע דיין לייוונט ווי אַ פאָן,
זע דיין פּינדזל ווי אַ שווערד;
דיין פאַרב צעטריף מיט פרילינגדיקן מאָן,
און ווייז ווי עס טאַנצט אַרום דער זון — די ערד.

הימען

ווי וווּנדערלעך צו וויסן,
און אָט דאָס וויסן מערן —
אַז כ׳בין נישט אָפּגעריסן
אין גרויסן גאַנג פון שטערן;
אַז אויך מיין זיין און פאַלן —
נישט אָנהייב און נישט ענדע;
אַז כ׳וויקל זיך מיט קוואַלן
אין וואָר און אין לעגענדע;
אַז אויך מיין זיין איז ו ע ר ן,
און כ׳בין נישט אָפּגעריסן.
ווי גוט דיך, וועלט, געהערן!
ווי וווּנדערלעך דאָס וויסן!

ה

העלען קעלער

אַלע ווערטער מיט גאָלד געשליפֿן
פֿאַר דיר, העלען, זיך פֿאַרשעמען.
פֿאַר דיינע שטום־היעראָגליפֿן
לאָז איך אַראָפּ מיינע ברעמען.

צו דיר מיט גורלשע שפּאַנען
ווייט טוט מיך פֿירן מיין קומער.
איך שפּרייז אַדורך אָקעאַנען,
לענדער פֿון ווינטער און זומער,

אַבי דיין אָטעם באַרירן,
אין גלי פֿון העל־זען דיך טרעפֿן.
די ליידן צו דיר מיך פֿירן
די וווּנדן צו דיר בעטן: עפֿן.

האַרינטע דו פֿון אַן אומה
גרויסע פֿאַרגעסענע קינדער,
טענהרין דו פֿאַר די שטומע,
זעערין דו פֿאַר די בלינדע, —

טענה פֿאַר נאָך אַ פּאָר ליפּן,
נאָך אַ פּיין פֿון בני אדם.
זאָל ווײ צו ווײ זיך פֿאַרקניפּן,
כ׳ברענג דיר מיין רויטינקן פֿאָדעם.

זאָלן אַלע וווּנדן אָפֿן
מיין טרויער דיר אָנגעטרויען.
און לערן מיך, העלען, האָפֿן,
מיין מדבר־האַרץ צו באַטויען.

אין טרויעריקן געבוירנטאָג

ווייַן אויף טיש, מען וואַרט אויף געסט,
העלען שווייגט טיף אין וויגל.
אַ קראַנקע שוואַלב וויינט אין נעסט,
אין פענצטער ברענען פליגל.

אין שפעט־דעמערונג די גאַס,
פוסט דער טיש מיט אַלדאָסגוטס.
נישט געבעטן קומט אַ גאַסט,
קאָפּ באַאַשט — דער מאַן פון עוץ.

שווערע טריט, עס קלאַפּט אַ צווייג.
זון אויף שויב — רויטער זיגל.
אליפז שווייגט, צופר שווייגט,
און ס׳שווייגט העלען אין וויגל.

די נאַכט הייסט טרויעריק זיין,
אין פענצטער זינקען פליגל.
דער טאַטע נעמט דעם בעכער ווייַן
און גיסט צוריק אין קריגל.

*

צו וואָס די ליכט אויפן טיש
און צו וואָס דער בעכער וויין,
ווען דיינע אויגן זעען נישט —
אָ, ווי זיך פרייען, טאָכטער מיין?

איך פאַרלעש זיי מיט מיין האַנט,
און דער וויין זויערן זאָל.
אונדז די פיין נאָר נישט די שאַנד,
נישט דאָס האָבן מיר געוואָלט.

פאַרגיט מיר אויב איך פאַרשטער
די שמחה וואָס איך האָב געגרייט.
זייט מוחל די הייסע טרער,
דעם פלעק אויפן יומטוב־קלייד.

גייט, געסט, אַהיים ווו ס'איז גוט,
דאָרט ווו אַ קינד בליט אין פרייד.
לאָזט מיך אַליין אין מיין בלוט
טענהן פאַר גאָט מיינע רייד.

*

ווען ליפּןריידן נישט — וואָס זענען זיי?
צוויי שטרייפלעך בלוט — איין געשריי.

און ווען די אויגן בלינד
אויפן פּנים פון זעלבן קינד, —
וואָס זאָגסטו, באַשעפער, ווען זיי עמענס די זינד?

וואָס איז דיין וואָרט
און וואָס איז דיין ליכט,
דו, פון אַלע וועלטן דער האַר,
ווען איין קליינע העלען
הייבט אויף אירע הענטלעך אין צער?

דאָס געוויין פון קעיט אַדאַמס אויף איר טאָכטער העלען

אויף אַ וואונדער וואַרט איך און וואַרט,
העלען, מיין העלען, רוף מיך כאָטש מ אַ.
כ'טרייסל זי ווילד, כ'גלעט זי צאַרט,
אין זי שווייגט און שווייגט, שטום און שאַ.

ווער קאָן וויסן וואָס אין דער זעל
פון העלען וואָס זעט נישט די זון?
ווער קאָן וויסן וואָס אין דער קעל
פון העלען וואָס שווייגט אַזוי שטום?

אַז ווי קאָן מען וויסן ז י ך, זיך אַליין
ווען עס יאָמערט מיין האַרץ צעפליקט?
מיין העלען הערט נישט מיין געוויין,
און אפשר גאָר איז דאָס איר גליק?

פון יסורים רוף איך דיך, גאָט,
איך שריי און דערקאָן נישט מיין קול.
כ'יאָג גיכער דאָס שפינדלראָד,
נאָר מיט דערנער איז פול די וואָל.

כ'ווער אַלט פון צער, מיין טאָג פאַרגייט,
און אפשר, גאָט, ביסטו גערעכט? —
צו פיל האָב איך מיין פרייד געפרייט
אין יונגע טעג, אין כלה־נעכט.

טאַסקאַמביאַ, מיין שטילע היים,
טענעסי־טייך, מיין קלאָרער טייך, —
דערציילט ווי כ׳בין געווען שיין,
דערציילט ווי כ׳בין געווען רייך.

אויף דיין ברעג מיינע כלה־נעכט,
האָסט מיר, טייך, געזאָגט ווי שיין צו זיין.
אין דיין שפּיגל מיין צעפּגעפלעכט,
מיין לייב געבאָדן אין דיין ווייַן.

דו האָסט מיר מיין פרייד געגרייט,
פלעגסט איר טראָגן אויף אַ וועל:
— „אָ, קום אַהער, מיין שיינע קעיט!"
— „אָ, אַרטור מיינער!" — אין שינעל.

מיין קאָפּ אויף אַרטורס עפּאָלעט,
מיין קני רירט אָן זיין שאַרפע שווערד.
„מיין גאַסט, מיין גאַסט," מיין האַרצס שטאַפּעט,
איך פאַל אויף אים פון גליק פאַרטרערט.

— וואָס וויינסטו, קעיט, וואָס בעטסטו, קעיט?
די נאַכט איז שיין און דו ביסט שיין.
— איך וויל מיין אַרטור אויך דיין פרייד,
קיין טאַסקאַמביאַ קום אַהיים.

געגנוג שוין מיט קריג און פרעמד,
פון די פריידיס קום צוריק,
כ'גיי שוין אויס פאַר דיר אַ העמד,
ציכטיק ווייס מיט גאָלד געשטריקט.

טו אויס די שווערד און דעם שינעל,
דער עפּלבוים אין פענצטער בליט.
מיר וועלן זיצן אויף דער שוועל
און מיט די פייגל זינגען ליד.

איך געדענק מיין גליק, די פרילינגסנעכט,
כ'האָב כלהשלייער אָפּגעהילט.
איך בין זיין דינסט און ער מיין קנעכט,
אויף די שויבן לבנה שפּילט.

די שטראַלן דין, ווי סטרונעס דין,
מיין לייב איז הייס, ווי זייד די הויט.
פון מיין לייב גייט אויף אַ קינד,
דורך די שויבן זינגט און בלויט.

מיין פּנים שיינט, מיין לייב ווערט רונד
איך טראָג מיין גוטס און מיר איז גרינג.
אַ טייבל, פרום, אין פענצטער ברומט,
און אַלץ איז ליכט, און אַלצדינג זינגט.

ווי עפּל זיס — מיין האַרץ פול זאַפט,
איך פיל, איך הער — אַט באַלד, אַט באַלד — —
די שעה ווערט נאָנט, עס קלאַפּט, עס קלאַפּט,
מ׳יין טראַכט מיט גליק און ווײ צעקוואַלט.

איך געדענק העלענס ערשט געשריי,
מיין גוף האָט שווער אין קראַמף געשמאַכט.
מיין ליפּ צוקט פרעגנדיק אין ווײ,
נאָר די הייבאַם מונטער לאַכט.

אַ בשורה מיר: אַ מיידל — גאָלד.
ווי העלפאַנטביין קלאָר אויסגעטאָקט.
אַ דאַנק, אַ דאַנק, ווי כ׳האָב געוואָלט,
זאָל טאָכטער זיין ווי צוגעזאָגט.

ניין הדשים געטראָגן זי,
אַזוי פיל יאָר אויף איר געוואַרט.
ווי גוט איז פּלוצעם איין מאָל פרי —
די זון איז קלאָר, דאָס בעט איז צאַרט,

און לעבן דיר אַ פּיצל גוטס.
אַ טייל פון דיר און פולער מער.
דורך דינעם הייטל זעסטו דיין בלוט.
און אויף די ברעמעלעך דיין טרער.

שטרעקסט אויס די ברוסט, דער האָניק רינט
און קינד מיט יעדן ציטער דאַנקט.
(דו האָסט נאָך דאַן געהערט מײַן קינד,
דײַן אויג פול ליכט, אין מויל — געזאַנג).

מיט אַרטורן האָב איך געפרײַט,
און אַרטור האָט געפרײַט מיט מיר.
ביים ווייסן וויגל — זאַלבעצווייט,
און אַלע וועלטן אין דער טיר.

און העלען וואַקסט אויף מײַנע קני,
צום פענצטער שטרעקט זי אירע הענט.
מיר דאַכט: זי רעדט מיט רויז און בלי,
נאָר זי אַליין אויך בליט און ברענט.

מיר דאַכט נאָך דעמאָלט און איך מיין:
דאָס זינגט זי לידער צו דער רויז,
און זיבן מאָל העלען מיר שיין,
איר שיינקייט אויפן גאַנצן הויז.

נאָר ווי אַזוי, אָ, ווי אַזוי
האָסטו אונדז, גאָט, אַזוי פאַרלאָזט?
געגעבן זון, געגעבן טוי,
און פלוצעם אויסגעפליקט דאָס גראָז.

אַ פויגל זינגט, נאָר ווו איר קול?
צו וואָס די זון? איר אויג פאַרברענט.
רייד, העלען, רייד כאָטש איינמאָל,
איך טרייסל זי מיט ווילדע הענט.

איך שריי, איך פרעג, דער דאָקטאָר שווייגט,
מיין האַרץ ווי פאַר אַ וואָלף אין וואַלד.
פון גאַנצן וואַלד — אַ דאַרע צווייג,
פון נעסט — אַ טויטער פויגל פאַלט.

מיין טאָג פאַרגייט, מיין גליק צעשפּרייט,
און אפשר, גאָט, ביסטו גערעכט?
צו פיל האָב איך מיין פרייד געפרייט
אין יונגע טעג, אין כלה־נעכט.

שליידער מיך דערפאַר, רייס מיין קלייד,
און איר גיב אָפּ מיין אויג און מויל.
סיוואָלי פאַרגעסן יעדער פרייד,
און מיין האַרץ פאַר דיר — נאַקעט, הויל.

מיין גליק ווי שטרוי האָט אויסגעברענט,
און כ'ווייס נישט מער וואָס גליק און גוט.
אין העלענס אויגן — אַלץ פאַרברענט,
אויף אירע ליפּן — זע מיין בלוט!

דאָס געבעט פון אַרטור קעלער

עס פינצטערט מיין הויז, איך דאַרף הילף.
כ׳האָב טענות צו דיר, הער מיך צו.
מיין בלוט פון קאַנאָנען נאָך הילכט,
נאָר איך בעט נישט קיין גליק און רו.
איך וויל נישט קיין האָניק און מילך,
אַ זעלנער בין איך, שטאָלץ ווי דו.

מיינע זכותן נעם איך צונויף
אין אַ שעה ווען מיין האַרץ איז ענג.
איך בין נישט דער גזלן וואָס רויבט
און אויך נישט דער הענקער וואָס הענגט.
זעלנער בין איך, גאָט מיינער, גלייב,
זע די ווײ וואָס איך צו דיר ברענג.

דאָס לייב פון מיין לייב אויף מיין האַנט,
נישט שיק מיך מיט גאַרנישט אַוועק.
נישט וואַרף מיך ווי הרוג אויף זאַמד
פאַר טיגער און וואָלף אָפּגעדעקט.
ס׳ברענט מיין הויז ווי שטרוי אין דעם בראַנד,
איז דאָס דיין שכר פאַר שווערע טעג?

דאָרט אויף די פעלדער פון דרום
ווו מיין שווערד האָט געבויגן דעם ווינט,
דאָרט ביי די טייכן פון דרום,
ווו בלוט פון מיין אָרעם נאָך רינט,
דאָרט אין די בלוטן פון דרום —
האָב איך אויסגעחלומט מיין קינד.

אין דעם געפלאַטער פון פענער,
אין בראַזגען פון טאַץ און טרומייט,
צווישן באַפּאַנצערטע מענער,
ווי אַ ים צעכוואַליעט און ברייט —
מיין חלום: שלום — — אַן עמער,
אַ ברונעם, אַ הויז, און מיין קעיט.

אין נעכט אויף דרומשע פּריירים,
ווען שטורעם באַהאַלט זיך ווו טיף —
זיי הימל איצט מיר אַן עדות
ווי כ׳האָב אויסגעבלוטיקט די בריוו,
ווערטער ווי פלאַמיקע פּירות
צום מילגרוים, מיין קעיט, וואָס כ׳האָב ליב.

שפּעט נאַכט, אין פינצטער פאַרנורעט
מיט האַנט אויף דער וואַרעמער ווונד, —
ס'האָבן זיך הימלען געכמורעט
ווי פאָלקן אין צאָרן פון בונט,
ס'האָבן זיך וואָלקנס געטורעמט,
די שנאה אין הערצער צעברומט,

און איך אין מיט פון טייפונען,
פון צווישן אַ שווערד און אַ האַק —
געשעפּט האָב איך גאָר פון ברונעם,
פון פעלדער געשוירן דעם פלאַקס,
געצערטלט אײדעלע בלומען,
געקושט די לבנה — דיין באַק.

פון איבער פינצטערע וואָלקנס
דערשווימען אַהיים מיט מיין אויג.
ווי לבנה האָב איך געבלאָנקעט
אַט אויף אַ בוים, אַט אויף אַ סטויג.
דיין פּנים איבער די לאָנקעס,
און כ'האָב זיך אין כבוד גענויגט.

זיי עדות, לבנה, אַצינד,
פון מײַן וווּנד דערציילל אויב געדענקסט.
גיי זאָג אַז כ׳בין ריין פון זינד,
כ׳האָב תמיד געליבט און געבענקט.
הימלען, נעמט זיך אָן פאַר מיין קינד,
הערט צו ווען איך שריי, ווען ס׳איז ענג.

פון דרום־לאַנד ווייט טריפט מיין בלוט
אָפּ פון אָרעם גלייך אויפן קרייץ.
כ׳בין נישט שולדיק, דאָך הייב דיין רוט
און זאָל ווי אַ רעגן וואָס פלייצט
זיך גיסן און גיסן מיין בלוט,
ביז דערהערסט און פאַרנעמסט, און טרייסט.

ווייל מער ווי בלוט אין קריג
דער צער דאָ איצט אין מײַן הויז.
דאָ איילן נישט פאָלקן צעוויגט
מיט פענער און הוראַ־געברויז.
ס׳איז שווערער דער מאַמעןביים וויג
צו גליען אין בלוט פון איר שויס.

אַליין און פאַרטרויערט זיצט קעיט,
אָ, גאָט, ווי דו האָסט איר פאַרלאָזט.
עס העלפן נישט טרייסטיקע רייד,
זי פליקט אירע האָר ווי ווילד גראָז.
אירע הענט אין קראַמפּן פאַרדרייט,
אָ, גאָט, כאַפּ נישט איבער די מאָס.

אַ וואָלקן אויף הויז מיינעם ציט,
און דו, דו פאַרלאָזט אונדז אַליין.
ווי, דער שענסטער בוים פאַרבליט
ווען די פירות זענען נישט שיין.
אָ, ווי צו דער וויג אָן אַ ליד,
איך וויל, מיין גאָט, דו זאָלט פאַרשטיין.

מיינע זכותן נעם איך צונויף
אין אַ שעה ווען מיין האַרץ איז ענג.
איך קום צו דיר פון פרייד באַרויבט,
פון גרעסטן פייער אָפּגעזעגנט.
זע, איך בייג איין מיין שטאָלץ צו דרויב,
און איך זעלבער בעט: רחמים שענק!

טרייסטרייד פון דער לערעריין סוליוועז

ווײַן נישט, קעיט,
וועסט נאָך האָבן פרייד.
דער וווּנדער שטײַגט פון טאָג צו טאָג,
און וואָס דו מיינסט, און וואָס איך זאָג
פאַרשטייט העלען און פילט.
קעיט, דײַן תפילה וועט נאָך זײַן דערפילט.

זע,
מיט פינגער מײַנע שפּיל איך אויף איר האַנט.
אַלץ קלינגט אין איר און ווערט פאַרשטאַנד.
קעיט,
זי׳ גרויס מיט דער טאָכטער פון דײַן שויס,
נאָך וועט איר נאָמען גיין אין גאַנצן קאַנט,
און ליכט וועט שײַנען אין דײַן הויז,
קלאָר און שיין ווי די זון פון אַלאַבאַמאַ־לאַנד.

זע, כ׳ריר אָן איר ליפּ,
ווי זי ציטערט אויף,
ווי זי שמייכלט ליב,
אינגאַנצן — ליכט.
קעיט,
קוק זיך אײַן אין איר געזיכט!

דער קינבאַק ראָזט,
דאָס לעפל רירט.

זי כאַפּט אָן מיין האַנט,
און זי מ י ך פּירט.
זי זעט די זון, זי ווייסט דעם וועג,
איר האַרץ — דאָס ליכט פון אַלע טעג,
אין איר אָטעם — די שענסטע רייד,
וויין בישט, קעיט.

זי וועט נאָך זאָגן מ אַ,
זי וועט נאָך זאָגן ט אַ,
און מ אַ מ ע אויך,
און ט אַ ט ע אויך
מיט אַ קול פון גאָלד קלאָר און הויך,
און גאַנץ און גרויס וועט זיין די פרייד.
וויין בישט, קעיט.

סוליווען צו העלען

מיט באַגינען אייל איך צו דיר, העלען,
(ווען נאָך לייענען אַמאָל דאָס דאָזיקע כתב)
בראשית אַצינד,
גאָט זינגט אין ווינט,
און וויל מיר וואָס איך שטיי מיט דיר אין באַשאַף.

איך אַליין בין אויך געווען בלינד,
און אַלץ אין מיר ליכטיקט אַצינד,
פול איז מיין האַרץ מיט דאַנק און געזאַנג,
און טיילן וויל איך מיין ליכט — —
איך ליב דיך, העלען,
און דאָס מיין פאַרלאַנג:
דיינע הענט, די הענטעלעך צוויי
שפרייט אויס ווי פאַרמעט פאַר מיר.
מיט מיינע פינגער וועל איך שרייבן אויף זיי
פרייד אָן אַ שיער.
אויך איך בלינד ווי דו
וועל דיך לערנען רו,
מיין קליינע העלען.

כ׳וועל זיין צו דיר גוט,
ביינאַכט ביי דיין בעט,
אויף פעלדער בייטאָג,
מיין האַרץ און מיין בלוט,
אַלץ וואָס איך פאַרמאָג —
פאַר דיר, מיין העלען.

ווייל אויך איך בין געווען בלינד,
און אַלץ אין מיר ליכטיקט אַצינד.
מיין בלינדקייט וואָס איז געוואָרן זון,
מיין תפיסה וואָס איז געוואָרן וועלט —
מאָנען ביי מיר: נישט פאַרגעס.

וויל איך, העלען, — —
זאָל זיין נאָך אַ נס.

*

אַ געזאַנג אין די וועלדער גייט אום
פון וואָרצל און בלאַט, פון מאָך און פון בלום,
און הערן הערט נאָר דער
וואָס די ערד זאַפּט איין זיין טרער;
אַ שיינקייט אין פעלדער רינט
אויף זאַמד, אויף ליים און אויף שטיין,
פאַר דיר טייער קינד,
אַ שכר פאַר דיין מאַמעס געוויין,
און איך וועל דיך פירן אַהין.

מיר וועלן זיך ביידע לייגן אין וואַלד
הערן ווי אַ בלעטעלע פאַלט.
ביידע פאַרדרימלען אַזוי
שטיל ווי אויף אַ בלעטל דער טוי.
ביז ווי אַ שוואָם דורכגעזאַפּט
וועסטו דערפילן דיין קראַפט.
די זון אין וואַלד וועט אַריין,
וועסט וועלן איר זאָגן אַז שיין,
און אַ וואָרט וועט אַדורך דורך דיין קעל
ווי דורך אַ געפרוירענעם טייך אַ גאָלדענע וועל.

*

וי האַנט אויף שטיין: וואַסער גיב! —
סוליוועז אויף העלענס ליפּ.

מיט די שפּיצן פינגער קוים.
דין ווי ס׳פאַלט דער טוי אויף בוים, —

אַט אַזוי, אַזוי, אַזוי
סוליוועז די אײדלפרוי:

אויף די פעלדער שפּרייזט דער ווינט,
פילסטו אים, העלעז, מיין קינד?

ס׳שאַרכט דאָס גראָז, אַ רויז זיך בייגט,
ברייטער עפן אויף דיין אויג!

הויך די ברעם! בישט שליס מיין קינד,
לאָז אַריין דעם קילן ווינט.

ס׳ברומט דער טייך, ווי בלאָ און ריין,
צום טייך, העלעז, לאָמיר גיין.

ס׳שפּריצט אויף פעלדז, העלעז, בישט פאַל,
אַ כוואַליע לויפט, הער דעם כוואַל.

דער ברעג איז רויט, פול מיט מאָן,
בייג זיך איין און ריר אים אָן.

גיכער טונק אין טייך די הענט,
אַ גאָלדן פישל שווימט און בלענדט.

און איצטער קום צו דער בריק,
צו די ווייטן שיק דיין בליק.

אַ שיפל איילט ווייס צעהעלט,
ס׳רירט שוין אָן דאָס שיינע פעלד.

דער זעגל ווייס, רויט דער מאָן,
מיטביידע הענט ריר ביידע אָן.

און שיין ווי מאָן, ווי שיפל גרינג —
וויג זיך, הערלען, טאַנץ און זינג.
— — — — — — — — —

אָט אַזוי, אַזוי, מיין קינד,
ביסט נישט שטום און ביסט נישט בלינד.
גיי אַהיים, שוין זון פאַרגייט,
גיי אַליין אַהיים צו קעיט,
ווייז דיין שמייכל און דיין לאַך,
ווי גאַנצע וועלט ווערט אויפגעמאַכט — —
פריי זיך, מאַמע, מיט דיין קינד,
אַ גוטע נאַכט —
עס באַגינט! — —

אָט אַזוי, אַזוי,
סוליוועץ די אײדלפרוי.

אַ וואָרט פון חעלען קעלער

כ'האָב קיינעם נישט געהאַט חוץ די נאַכט אין מיינע אויגן,
דער פיבער איז אַוועק און דאָס שענסטע מיטגענומען,
און דאָך — איך פיל אויף מיינע ברעמען דעם רעגנבויגן,
אַ סימן — אַז דאָס ליכט איז צוריק צו מיר געקומען.

און איך רייד פאַר אייך מיין בינטל שטום־אָרעמע זילבן,
און איך זאָג צו אייך אַלעמען, הערנדיק דעם טומל:
פאַרגעסט נישט אין געלויף צווישן בלענדנדיקע שילדן
די וואָס ווייגען שטיל ווי ביינאַכט די מימאָזע־בלומען.

ביי יעדער שוועל, אויף יעדן ראָג, עוועניוס און גאַסן —
שטרעקט ווער אויס אַ האַנט און בעט ביי אַלטע און ביי קינדער,
מיט פייקלענדיקן שטאָק, מיט געטענצל פון אָפּצאָסן
דאָס געבעט פון אַלע שטומע און פון אַלע בלינדע.

איך בעט אייך, טייערע, איין רגע פאַרמאַכט די אויגן,
און רעדט איבער מיט זיך אַליין וואָס איך וויל אייך זאָגן:
איר, טייערע, מיט קיין גאָלד האָט איר נאָך נישט געוויגן
די פרייד פון יעדן טאָג, דאָס דערזען אויף שויבן ט א ג ן.

אין נאָמען פון די בלינדע, אין נאָמען פון די שטומע
ברענג איך אייך אַ ברכה: זאָל זיך אייער פרייד פאַרמערן.
הלוואי זאָל גאָט אייך געבן דאָס ליכט פון אַלע זונען,
און מיינע שוועסטער און ברידער — כאָטש דעם אָפּשיין פון די שטערן.

איך ווינטש אייך גוטס: האַלט תמיד אייערע אויגן אָפן,
און אויך מיינע שוועסטער און ברידער האָט ליב ווי זיך אַליין.

— — — — — — — — — —

אויף אירע הענט האָט אַ טאָוול מיט ברייל'ס בלינד־כתב געפּאַכעט
ווי בייע לוחות און בליצן פון געוויין.

ווערטער צו מיין נאָענטסטער

א

נישט ווי אַ לאָשיקל אין מיי,
מיט צעהירזשעטן געשריי,
אין לויף גאַלאָפּ צום פינקלענדיקן וואַלד.

אויב געדענקסט עס נאָך — באַהאַלט.

ווייס: אַלט ווערט אויך דער וואַלד,
דער וואָרצל גרייכט צום שטייך,
נאָר אויך אַן אַלטער וואַלד
האָט זיין חן און מיין.

איך וויל דו זאָלסט פאַרשטיין.

ב

איך וואָס קען דיך אַזוי פיל יאָרן —
קום ווידער דיך דערקענען:
אויף ס'ביי באַטרוימען און באַוואָרן
די אַלע פנימער און נעמען,
וואָס כ'האָב געזען אויף דיין פנים,
מיט וועלכע כ'האָב דיך אויפגערופן;
צוריק ביי מיר און דיר צו מאָנען
די נשמות און אויך די גופים
פון אַלע שעהן און מינוטן
וואָס לאַנג פאַרגעסן און פאַרזונקען;
אַלע שמייכלען און אַלע גוטסן,
אַלע סודות און אַלע ווונקען.

שטיל, ווי שטיל ביים טיש פון ברויט און זאַלץ,
מען הערט נאָר ציין אויף האַרטן ביסן.
נאָר דער בלאָער אָדער אין דעם האַלדז —
ווי ער וואָלט זיך אַליין צעריסן, —
עפּעס וויל איך נאָך מער ווי זאָגן,
געבן אַ נאָמען אַלע ווייען;
נישט צו שווייגן און נישט צו קלאָגן
אויף די אַלע טעג וואָס פאַרגייען,
נאָר צו פאַרבינדן און פאַרקניפּן
מוט און רחמים און באַדויער;
אויג אין אויגן און ליפּ אויף ליפּן —
מיט קוש פון חכמה און פון טרויער.

ג

ווײַל די פאַרביקייט פון באַקן
און די רויזיקייט פון ליפּן
אַלץ מער און מער פאַרבלאַסן ווערט, —
שווער איך טרײַקייט צו אַלע ווערטער
וואָס כ׳האָב אַמאָל צו דיר גערעדט.
אויך צו דײַן שטערן דעם געקנייטשטן,
אויך צו די רונצלען פון דײַן לײַב —
מײַן באַגײַסטערונג, באַשערטע, —
דאַנק פון מאַן, געזאַנג פון פּאָעט.

און נישט ווי אין טעג אַמאָליקע
דיך צו ליבן — אַ הירשין מוזטו זײַן.
אַ טעג גאָר אַנדערע, טיפזומערדיקע, עוליקע,
די לײַדן — אונדזער ווײַן.
און נײַע בעכערס פאַר אַ ליבשאַפט,
פראָסטע זענען זיי.
נסיון, זאָרגן, געניטשאַפט,
די ליבשאַפט פון טרויעריקע צוויי.

און ס׳רופט מיך הײַנט צו דיר —
נישט אַ פּערל צום געטויך,
און נישט אַ שטערן אין דער הויך,
נאָר דו אַליין.

אַ ברכה אויף דײַן צײַטיקייט, —
די מוטערשאַפט איז שײן.

ד

נאָך טעג מידע, צעגליטע,
איז עפּעס פֿאַראַן אין דיין שלאָף
וואָס דערשרעקט מיך.
זייטיק פֿאַרוואָרפֿן שלומערט דיין קאָפּ
און דיינע האָר ווי ווילדגראָז צעשיטע.
אין האַלבבאַלויכטענעם צימער
פֿינקלען רויט פֿון דיין האַלדז די קרעלן,
דאָס שנירל ווי אַ שניט אַ דינער
הייבט אָן צו צאַפּלען
און דאָס קוימיקע ליכט צו פֿאַרשטעלן.

דעמאָלט קום איך צו דיר
ווי פֿון טויט דיך דערוועקן,
איך טו דיך אָפּדעקן,
קוש דיך,
און בעט אויף דיין ליבשאַפֿט, דיין קנאה און אייפֿער,
זאָלסט גוט זיין, זאָלסט בייז זיין, זאָלסט לעבן,
און דיינע פֿאַרוויקלטע הענט עפֿן איך אויף
ווי פֿליגל צום שוועבן.

און אויס מיט דער מורא פֿאַר טויטלעכן פֿרירן.
דערוואַרעמט פֿון דיינע ערשטע באַרירן
גייט די שרעק אַוועק,
און פֿון מיר אַנטלויפֿט די בלינדע מחשבה
ווי פֿאַר דעם קלונג פֿון באַגינען —
אַן איבערגעשראָקענע סאָווע.

ה

איך זאָג צו מיין ליבשאַפט: נישט גוסס,
נאָך שווימען אין לייב צעגליטע מאַגנעטן;
תמוז נאָך אָטעמט פון אונדזערע שויסן,
און וואָס וויל די לבנה ביי אונדזערע בעטן?
זאָל איר פּראַסטיק ליכט בלייבן אין דרויסן,
אַראָפּ זאָל דער גליוועער פון אונדזערע שויבן.
מיר ווילן נאָך וויין, דעם תמצית פון טרויבן.

לאָמיר שווערן נישט צו ווערן אַלטע.
לאָמיר וועקן חלומות וואָס שוויַיגן באַהאַלטן,
אָפּשטויסן דעם טויט מיט הויכע שטורקאַצן,
און זאָל די קאַלטע לבנה
אין גליצוואַנג פון אונדזערע ליפּן
ווי אַ שערבל צעפּלאַצן.

ו

צו דיינע טרויערן אַריבער,
פון די העלע בייטן פון מיין טאָג, —
טראָג איך ווי אַ גבור
זיג אין האַרץ, אַן אמונה־זאָג:

דורך איין קערן ווייץ — אַ זון אַ גאַנצע פלייצט;
פון איין קליינער פלוים — שמעקט אַ גאַנצער בוים;
און וואָס די צייט פאַרלעשט — ווידער טליעט,
ווייל אַן אמת פייער ווייסט נישט פון קיין צאַנק.

אָ, זע דעם לעצטן שטראַל פון שקיעה,
און פרעג פּאָעטן: ווען דער אָנהייב פון געזאַנג?
הער זיך איין אין טיפן אָוונט,
אונטער דיינע פענצטער שפּילט.
אָ, קוק זיך איין אין טיפן אָוונט,
ווי אַ בלאָער שלייער דיך פאַרהילט.
ווער דער שפּילער? ווער דער הילער?
זעסט אַפילו נישט די האַנט.
זיינע סטרונעס, דיינע ליפּן —
אַלץ צוזאַמען אין איין באַנד.
נאָך אַזאַ געטריי פאַרקניפּן
איז נישטאָ שוין קיין צעשייד.
נאָך אַזעלכע טיפע רגעס —
פרייד און פרייד!

ז

אָ, גאַנצע טעג די ווינטן שלאָגן
אי מיך, אי דיך, מיט הייסע שטויבן.
אייל איך אָוונט אַ קרוג דערטראָגן,
אַ טרונק פון ליבשאַפט און פון גלויבן.

אין ווינקלען טונקלט, נאָר ליכט אויף שויבן,
די טויבן קומען און זיי ברומען.
גייט אויף דער טרויער אין אַ לויבן
ווי יונגע פרייד צוריקגעקומען.

דער טיש פון ברויט און זאַלץ ווערט ברייטער,
און ס׳גאַנצע פעלד איז אונדזער היים.
רוף איך: קום אַ דערפרייטע
טרינקען ווין פון פראָסטן ליים.

אינהאלט

א 30 — 5

פרילינג אין לאַנד — 7 / אין הויכן גראָז — 8 / ברויט — 10 / מיין נייער חבר — 11 / פאַרנאַכט — 12 / צו מיין דאָרף — 13 / צי דען האָסטו — 17 / דער אַנטוישטער פרעגט — 18 / פון מיין לעגענדע — 22 / באַגינען — 24 / דאָס בילד — 25 / אַ מעשה וועגן אַ פלעדערמויז — 26 / נעאָנליכט אין דאָרף — 30.

ב 52 — 31

נישט סתם — 33 / צו נהריים — 34 / אויפן שאָסיי — 36 / אַ זמר פון אַ ותיק — 39 / ביסט נאָך יונג, שטאָט — 41 / דער מוליער פון שכונת מחלול — 42 / דאָס פראָסטע פאָלק — 44.

פון תש״ח

די יינגלעך פון לאַנד — 45 / חצות אין רפיח — 47 גרויס איז די שעה — 48 / אויף די בערג — 49 / דער פאַרלוירענער קעמל — 50 / פרייד אין באר שבע — 52

ג 72 — 53

מיין זכות — 55 / פייגל אין לאַנד— 56 / אַ בושל אין היי — 57 / י. ל. פרץ — 59 / שבת זאָל זיין — 62 / אַזוי איז דיין וואָרט — 65 / אין יעדנס אויגן — 66 / דער וואַלד וועט פאַרגעסן — 67 / צו איציק מאַנגער — 68 / שאַגאַל אין זכרון יעקב — 69 / אָט אַזוי ברידער — 71.

ד 90 — 73

ביים ים — 75 / זיי רייז אין געזאַנג — 76 / צו אַ רעדאַקטאָר — 77 / ליד — 79 / דאָרשטן — 80 / ווי די בינען — 83 / אַ תפילה אויף ליכט און גוטס — 84 / אייך, די סתמע — 86 / מיין ברידער־שאַפט — 87 / יאָרן — 88 / צום האַרבסטיקן מאָלער — 89 / הימען — 90

ה 116 — 91

העלען קעלער

אַלע ווערטער — 93 / אין טרויעריקן געבוירנטאָג — 94 / דאָס געוויין פון קעיט אַדאַמס — 97 / געבעט פון אַרטור קעלער — 103 / טרייסטרייד פון לערערין סוליוען — 108 / סוליוען צו העלען — 110 / אַ וואָרט פון העלען קעלער — 115.

ו 125 — 117

ווערטער צו מיין נאָענטסטער — 119.